IMPORTERS & WHOLESALERS OF ISRAELI BRANDIES and WINES כשר לפסח

Also CHEESE, DRY FRUIT, CANNED FISH, NUTS and OTHER EDIBLE PRODUCTS

51-63 THISTLETHWAITE ST., SOUTH MELBOURNE, VICTORIA 3205, AUSTRALIA

Telephone: 699-2299

With Compliments of . . .

# Tailors Trimmings Company (Aust.)

232 FLINDERS LANE,

MELBOURNE, 3000

Telephone: 63-3231

# The World is yours to discover

with

# "ASTRONAUT"

There are so many holidays to ALL PARTS OF THE WORLD and Astronaut Travel Service has some excellent programs to take you to beautiful places. Such as the exotic EAST with bustling cities, colourful street stalls. And unbeatable duty free goods. There's Singapore for 10 days from only $504.30*. Or 14 days Singapore, Java and Bali from only $727.10*. And you can choose from many other holidays.

Astronaut also entices you to the Pacific to swaying palms, beautiful beaches and golden sands. The Pacific offers you the holiday of your life. How about 10 days, 7 nights in Sunny Honolulu from as low as $563.60 out of Sydney. And that's only ONE idea.

As for Europe, there are great opportunities for you to enjoy London's exciting pace of life. Then sail into your dreams and head off to Italy, France, Austria — Europe is at your disposal. Just think of it! 20 days in London and Europe from only $1,063.00*. And there's more just like it.

**Contact Astronaut Travel Service for further details**

*Prices from Sydney and Melbourne. All fares subject to variation.

## Astronaut Travel Service Pty. Ltd.

**MELBOURNE**
**18th Floor, M.L.C. Building,**
**Cnr. Collins & Elizabeth Streets,**
**Telephone: 62-0041**

**SYDNEY**
**4th Floor, Piccadilly Court,**
**222 Pitt Street,**
**Telephone: 266-102**

*With the Compliments of . . .*

# DEL-MONTI SUITS

●

MAKERS OF FINE QUALITY MEN'S SUITS

* * *

SUITS DIRECT FROM WORKROOM TO YOU

**154-156 HIGH STREET, PRESTON, VIC. 3072**

**Telephone: 44-0567**

**200 WHITEHORSE ROAD, BLACKBURN, VIC. 3130**

**Telephone: 877-3316**

**1st FLOOR, 8-10 McRAE STREET, DANDENONG**

**Telephone: 791-4435**

With Compliments of ...

# Semel Hosiery Mills

68-72 BAKER ROAD, COBURG, VIC.

Telephone: 35-2302

With Compliments of ...

# *M. Sanders & Co. Pty. Ltd.*

IMPORTERS, DISTRIBUTORS OF TAILORS' TRIMMINGS
COTTON, SILK, WOOLLEN & WORSTED PIECE GOODS

CARLTON HOUSE, 289 FLINDERS LANE, MELBOURNE, 3000
TELEPHONES: 63-8866 (3 lines)

# UNIQUE SHOES

71 PAISLEY STREET,
FOOTSCRAY
A. DOREMBUS

Phone: 347-4155

116 Bouverie Street,
Calton, Vic. 3053

## Stephen Manufacturing Co. PTY. LTD.

"DISTINCTION ORIGINAL REGD."
BETTER CLASS LADIES' COATS
STEPHEN GOLDBERG

# Lewins Shoes

188 NICHOLSON STREET,
FOOTSCRAY

Telephone: 68-1960

**With Compliments of ...**

**FOR FREE HOME DELIVERY RING 94-2542**

# *S. Rushinek*

קאָנטינענטאַלער פליישׁ האַנדל

בעסטע קוואַליטעט פלייש, עופות און וואורשטן

CONTINENTAL BUTCHERY

BEST QUALITY MEAT, POULTRY & SMALLGOODS

**223 BARKLY STREET, ST. KILDA, 3182**

---

**With Compliments of ...**

# *Blicways*

LADIES' CLOTHING MANUFACTURERS

**23 WANGARATTA STREET, RICHMOND**

**Telephone: 42-4688**

---

**With Compliments of ...**

# *Goldy's*

COFFEE LOUNGE AND RESTAURANT
CONTINENTAL MEALS SERVED

**212 LITTLE COLLINS STREET, MELBOURNE, 3000**
**(opposite Victoria Hotel)**

For bookings phone: **63-1034** Props. **Mr. & Mrs. A. GOLDBERG**

רעדאַקטאָרן פון „ניוס וויק" און „טיים" און ווידער נישט דערמאָנט דאָס וואָרט — להבדיל.

דאָס איז שוין אפילו פאַר כעלם געווען צו פיל. פון דאַן אָן ביז עד־היום איז געבליבן דאָס ווערטל: „דער רעדאַקטאָר ——— להבדיל"...

## די יידיש קאָנפערענץ אין ירושלים — געזען פון דער „לינקער" זייט

ס'איז געווען אינטערעסאַנט צו לייענען די פּאָלעמיק צווישן „סאָוויעטיש היימלאַנד" (נומ. 9, 1975) און דעם אָרגאַן פון „איקוף" אין ניו־יאָרק „יידישע קולטור" (נומ. 8, 1975) וועגן דער קאָנפערענץ פאַר יידיש, וואָס דאַרף פאָרקומען אין מיטן יאָר 1976 אין ירושלים.

שרייבט „סאָוויעטיש היימלאַנד":

„ דער אַזוי גערופענער איניציאַטיוו קאָמיטעט פון קלוימערשטע שטאַדלאָנים פאַר יידיש, בעראָש מיט אַ פּאַליטישן מענאַכעם מענדל, דעם גענעראַל סעקרעטאַר פון דער פּויאַלע ציוניסטישער וועלט באַוועגונג יצחק קאָרן, האָבן פאַרפּלאַנירט די דאָזיקע אָפּעראַציע אַף אַ זיצונג אין ייסראַלדיקן קאָנסולאַט אין ניו־יאָרק קעדיי מיטהעלפן דעם ציעניזם אַריינכאַפּן אין זאַק או־יין די יידישע ליטעראַטור און קולטור.

...גענוג וואָס עס זיצן ביי זיין שיסל די עטלעכע דעזערטירן פון דער סאָוויעטישער ליטעראַטור און די פאַראַרעמטע רעדאַקציעס פון די ציוניסטיש־בונדיסטישע־אַנאַרכיסטישע געלע בלעטער.

..."ס'איז שווער צו גלייבן, נאָר דאָס איז אַ פאַקט, אַז די איינציקע אָרגאַניזירטע יידישע קערפערשאַפט, וועלכע האָט זיך געבעטן מען זאָל זיי רופן אַף דער „פּסיפּעי אין דער צייט ווען די ציעניסטישע באַלעבאַטים האָבן זיי נישט אַרויפגעלאָזט אַף דער שוועל, זיינען געווען די רעדאַקציעס פון דער ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרייהייט" און פונעם זשורנאַל „יידישע קולטור"."

מיר דרוקן די ציטאַטע אין נוסח „סאָוויעטיש היימלאַנד").

און עס שרייבט די „יידישע קולטור":

„כאָטש עס איז אמת, אַז די ערשטע איניציאַטיוו־באַראַטונג איז פאָרגעקומען אין ישראל־קאָנסולאַט אין ניו־יאָרק, און אַז דאָס ישראלדיקע מיניסטעריום פון טוריזם איז געווען אַ שותף צו די ערשטע באַראַטונגען וועגן דער קאָנפערענץ, און אַז דער אָנפירער פון איניציאַטיוו־קאָמיטעט, יצחק קאָרן, איז דער גענעראַל־סעקרעטאָר פון דער פועלי־ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, האָט אָבער די פּלאַנירטע וועלט־קאָנפערענץ, צוזאַמען מיט אַ סך ספיקות, אויך אַרויסגערופן אַן אינטערעס אין די ברייטסטע יידישע קולטור־קרייזן אין אַ סך לענדער.

דאָס שרייען „ציוניסט עליך" און זיך צודעקן מיט דער „ציוניסטישער קאָנספּיראַציע" איז אויך היפּשלעך נישט אָנשטענדיק. עס טראָגט זיך אַ פריקרער ריח פון דעם. עס איז ביטער גענוג, אַז ס'רוב מיטגלידער פון אַמעריקאַנער קאָמיטעט פאַר דער יידיש־קאָנפערענץ זענען די יידישע רעכטע, וואָס רייטן נאָך אַלץ אויף דער אויסגעמאַטערטער שקאַפּע פון אַנטי־לינקיזם (אַנטי־קאָמוניזם הייסט עס ביי זיי) און מאה־דעהווען אין יידישן לעבן, אָבער אַ ציוניסטישער קאָמיטעט איז עס נישט".

אין „סאָוויעטיש היימלאַנד" הייסט דער קאָמענטאַר „אַן אַבסורד" וואָס פּאַסט שוין אַריין אין כויזיק" און אין „יידישע קולטור" — „חוזק און אַבסורד". וואָלט וועגן דעם חוזק און אַבסורד נישט ווערט געווען צו דערמאָנען ווען נישט דאָס וואָס עס איז זייער טראַגיש, ווען איך די היינטיקע טעג פון טאָטאַלן אָנגריף אויפן יידישן פאָלק און מדינת־ישראל געפינען זיך נאָך יידן וואָס שרייבן יידיש און שליסן זיך אָן אין כאָר פון די יידישע שונאים.

דעריבער איז אַזוי וויכטיק, אַז די קאָנפערענץ פאַר יידיש אין ירושלים, אין וועלכער עס וועלן זיך באַטייליקן אַלע שעפערישע יידישע כוחות, זאָל דורכגיין מיט דערפאָלג און ברענגען פּאָזיטיווע דערגרייכונגען פאַר אונדזער פאָלק, דער מדינה און אונדזער מאַמע־לשון — יידיש.

## מען קען נישט פּטור ווערן פון דער דעמאָקראַטיע

מיט יאָרן צוריק, נאָך לאַנגע דיסקוסיעס און קאַמפן, האָט דער וויקטאָריער „באָרד אָף דעפּיוטיס" דורכגעפירט וואַלן פון דירעקטע פאַרשטייער. ווען ס'איז געקומען דער טערמין פון נייע וואַלן, האָט מען געזוכט אַ וועג צו ענדערן די וואַל־אָרדינאַציע און פּרובירן פּטור צו ווערן פון די וואַלן. נאָך יאָרן אָפּלייגן און וואַרטן האָט מען ענדלעך געמוזט היי־יאָר דורכפירן די וואַלן.

אין יערלעכן באַריכט פון „באָרד" (געשריבן נאָך פאַר די וואַלן) שרייבט דער פּרעזידענט י. לייבלער:

„ס'איז צו דערוואַרטן, אַז דער רעזולטאַט פון די וואַלן, און די אויסערגעוויינלעכע אַפּאַטיע פון די מיטגלידער פון אונדזער געמיינדע, וועט איין מאָל פאַר אַלע מאָל ענדיקן די כסדר אָנגייעדיקע דיסקוסיע וועגן דעם ענין...

„...דער רעזולטאַט פון די וואַלן וועט ליקווידירן דעם אַרגומענט, אַז דירעקטע וואַלן וועלן שאַפן אַ מער דעמאָקראַטישע רעפּרעזענטאַנץ פון באָרד".

דער אינטערעס פון דער יידישער געזעלשאַפט צום „באָרד", און דעריבער צו די וואַלן, איז אַ מינימאַלער. דאָך האָבן קרוב 900 יידן זיך רעגיסטרירט אין „באָרד" אַלס דירעקטע וויילער און קעגן אַלע דערוואַרטונגען פון דער אָנפירערשאַפט פון „באָרד", זענען נאָך אַלץ פאַראַן דירעקט־געוויילטע דעלעגאַטן.

אין צוויי יאָר אַרום וועלן מיר ווידער דאַרפן האָבן וואַלן פון דירעקטע פאַרשטייער צום „באָרד".

דעמאָקראַטיע אַז מען טרייבט זי דורכן פענצטער, קומט זי דורך דער טיר...

א. אייזענער

# אויפן שפּיץ פּעדער

## צום שאַנד סלופּ!

בראָניסלאַוו אַנלעץ, אַ געוועזענער קאָמוניסטישער טוער פון פאַרמלחמהדיקן פוילן, איז געוועזן אין וואַרשעווער געטאָ און שפּעטער אויף דער אַרישער זייט, וואו ער איז אַרעסטירט געוואָרן דורך דער געשטאַפּאָ.

דעם 1-טן אויגוסט 1944, ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער פּוילישער אויפשטאַנד אין וואַרשע, איז אנלעץ איינער פון די אָנפירער פון די קאַמפן אין פּאַוויאַק. דער אויפשטאַנד אין דער תפיסה ווערט בלוטיק דערשטיקט און אנלעץ ווערט אַרויסגעשיקט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, פון וועלכן ער ווערט באַפרייט נאָכן ענדגילטיקן זיג איבער דעם היטלעריזם.

אין נאָך־מלחמהדיקן פוילן אַרבעט אַנלעץ אין פּוילישן ראַדיאָ. צוליב אידעאָלאָגישע סיבות קומט ער אין קאָנפליקט מיט דער אָנפירונג פון ראַדיאָ און שפּעטער מיט די צענטראַלע אינסטאַנצן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער ווערט באַזייטיקט פון זיין פּאָסטן און פון דער פּאַרטיי.

דעם 27־טן אָקטאָבער האָט אנלעץ אָנגעשריבן אַ בריוו צום פּרעזידענט פון מלוכה־ראַט אין פוילן פּראָפ. הענריק יאַבלאָנסקי, אין וועלכן ער פּראָטעסטירט קעגן דער וואַקסנדיקער כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם אין היינטיקן פוילן און ספּעציעל קעגן אַן אַרטיקל פול מיט אַנטי־יידישע העצע, געדרוקט אין דער אויסגאַבע פון מלוכהשן וויסנשאַפטלעכן פאַרלאַג „פּשעגלאָנד הומאַניסטיטשני״ (הומאַניסטישער איבערבליק), וועמענס רעדאַקטאָר, יאַן זיגמונט נאָוואַקאָווסקי, איז פריער געוועזן דער רעדאַקטאָר פון חודש־זשורנאַל „פּאָעזיאַ״.

דער בריוו פון אנלעץ איז געבליבן אָן אַן ענטפער און איז אַן דעם וויסן און דערלויבעניש פון מחבר פאַרעפנטלעכט אין „יידישע קולטור״ נומ. 8, 1975, אין ניו־יאָרק.

מיר נעמען פון דעם בריוו אַרויס בלויז איין פאַקט:

„...אין יולי 1942 זענען די דייטשן, אין הסכם מיטן ווילן פון פירער, צוגעטרעטן צו דער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ. אין משך פון נישט קיין גאַנצע דריי חדשים האָבן זיי אַרויסגעפירט און אומגעבראַכט אַן ערך 400,000 וואַרשעווער יידן.

אין דער זעלבער צייט האָט די קאָנספּיראַטיווע פאַשיסטישע „קאָנפעדעראַציאַ נאַראָדו״ (פאָלקס־קאָנפעדעראַציע) אין איר פּרעסע אויסגעדריקט איר צופרידנקייט, וואָס פוילן ווערט יידן־ריין.

דעם 19־טן אַפּריל 1943 זענען די דייטשע פאָרמאַציעס פון ס.ס. צוגעטרעטן צו דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון געטאָ און זיך אָנגעשטויסן אויף אַ ווידערשטאַנד אין דעם טאָג איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד פון די יידן אין וואַרשע.

...עטלעכע חדשים נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ־אויפשטאַנד, און נאָכן אויסמאָרדן די יידן האָט דער קאָנספּיראַטיווער ליטעראַרישער זשורנאַל פון דער „פאָלקס־קאָנפעדעראַציע״, „קונסט און פאָלק״, פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל פון טאַדעאוש גייצע א״נ: „מיר דאַרפן שוין נישט״ (טווימען, סלאָנימסקין, לעשמיאַנען, פייפערן און אַנדערע, ווייל פּאָעזיע פון די צוואַנציק יאָר פוילן איז אין דריי פערטל געווען אַ שאַפן פרעמד פסיכיש אונדזער לאַנד און דער נשמה פון די מענטשן אין דעם דאָזיקן לאַנד.

...אין יאָר 1969, אין דעם 26־טן יאָרטאָג פון דער־שיינען פון גייצעס אַרטיקל, האָט דער חודש־זשורנאַל „פּאָעזיאַ״ אָפּגעדרוקט אויף ס׳ניי דעם אַרטיקל „מיר דאַרפן שוין נישט״.

...היי־יאָר האָט מען אין ני 8 פונעם חודש־זשורנאַל „פּאָעזיאַ״ ווידער איבערגעדרוקט דעם אַרטיקל פון גייצע „מיר דאַרפן שוין נישט״. איך האָב עס איבערגעלייענט אַנומלט און מיך האָט אַרומגעכאַפּט אַ שוידער און אַן עקל. דעם דאָזיקן העסלעכן אַרטיקל האָט די אומפאַראַנטוואָרטלעכע רעדאַקציע פון „פּאָעזיאַ״ דערהויבן, אַרויסרוקנדיק אים בראש פון דער עסטעטיק פון דעם נומער״.

**צו דעם פאַרלאַנגט זיך נישט קיין קאָמענטאַרן. דאָס איז נאָך איין בלימעלע פון דער שוידערלעכער ירידה פון די וואָס האָבן אַ מאָל געוואָלט רעדן אין נאָמען פון מענטשלעכקייט און יושר און נוצן היינט אין קאַמף קעגן מדינת־ישראל און דעם יידישן פאָלק די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע פון דער ענדעציע און פאַשיסטישער „פאַלאַנגאַ״.**

**צום שאַנד סלופּ!**

## להבדיל און דער רעדאַקטאָר

(אַ כעלעמער מעשה)

**די מעשה איז פאַרלאָפן פאַרצייטנס אין אונדזער שטעטל כעלם. געווען איז דאָרט איין איינציקע יידישע צייטונג, האָבן די כעלעמער באַשלאָסן, אַז זייער רעדאַקטאָר מוז נישט דווקא קענען שרייבן יידיש. אָבער געשריבן האָט ער.**

**דער רעדאַקטאָר, וועלכער איז אַ מאָל יאָ געווען און אַ מאָל נישט געווען, האָט ליב געהאַט פאַרגלייכן און זיינע פאַרגלייכן האָבן זיך שטענדיק געקלעפּט ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט, אָבער נוצן דאָס וואָרט להבדיל — חלילה.**

**האָט ער איין מאָל אָנגעשריבן אַ לאַנגן מאמר, פול מיט זיינע פאַרגלייכן, און זיך אַליין פאַרגליכן מיט די**

מ. טאָפּיאָל

# די פּאָפּולאַריטעט פון שאַך-שפּיל

אַלס פאָרזיצער פון שאַך־קלוב ביי דער „קדימה" וויל איך ווידמען אין דעם „קדימה"־זשורנאַל „מעלבורנער בלעטער" אַ קליינע אָפּשאַצונג וועגן דעם מוח־ספּאָרט, שאַך-שפּיל, וואָס איז זייער פּאָפּולער ביי אַלע פעלקער און ביים יידישן פאָלק בפרט.

שאַך־שפּיל איז שוין אַלט קרוב 2000 יאָר און קיין סך ענדערונגען אין דעם דאָזיקן ספּאָרט זענען נישט געמאַכט געוואָרן.

דער דאָזיקער ספּאָרט איז זייער פּאָפּולער ביי יידן און דער בולטסטער באַווייז איז דאָס, וואָס אין משך פון צענדליקער יאָרן האָבן יידן פאַרנומען דעם אויבן־אַן אַלס די בעסטע שאַך-שפּילער אין דער וועלט און אויך צום היינטיקן טאָג זענען די צען וועלט־מייסטער פון שאַך־שפּיל בלויז יידן.

דער מוח־ספּאָרט פון שאַך איז פּאָפּולער ביי יידן מיטן נאָמען „שאַך־מאַט". דער דאָזיקער ספּעציעלער נאָמען האָט הינטער זיך אַ לעגענדע, וואָס ווערט דערציילט אַזוי:

מיט 15 הונדערט יאָר צוריק האָט אַ גרויסער יידישער געלערנטער געשפּילט אַ פּאַרטיע שאַך מיט דעם פּערסישן שאַך (דער קעניג אין פּערסיע רופט זיך שאַך), און ווי פאַרשטענדלעך האָט דער יידישער געלערנטער די פּאַרטיע שאַך געוואונען. ווען דער פּערסישער שאַך האָט געפרעגט דעם יידישן געלערנטן, וואָס פאַר אַ באַלוינונג ווינטשט ער זיך פאַר דעם נצחון, האָט דער יידישער שאַך־שפּילער אים געענטפערט, אַז ער פאַרלאַנגט אַרויפצולייגן אויף דעם ערשטן קעסטעלע פון שאַך־ברעט צוויי פונט מיט קאָרן אָדער ווייץ און כסדר עס פאַרשטאָפּלען ביז צו דעם 64־טן קעסטעלע. דער פּערסישער שאַך האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און געזאָגט דעם ייד, אַז ער דאַרף נישט זיין אַזוי באַשיידן, ער קען פאַרלאַנגען אָנשטאָט צוויי פונט ווייץ אָדער קאָרן — צוויי גאָלדענע דוקאַטן. דער יידישער געלערנטער האָט אים געענטפערט, אַז ער וויל נישט קיין גאָלד, ווייל אויך קאָרן און ווייץ וועט אויספעלן. דער רעזולטאַט: דער שאַך מיט אַלע זיינע ראַטגעבער, פינאַנסיסטן און עקאָנאָמיסטן, זענען מיד און מאַט געוואָרן פון אויספילן די 64 קעסטעלעך, און דער נאָמען פון שאַך־שפּיל האָט באַקומען אַ צוגאָב־הויפּט־נאָמען — שאַך־מאַט!

שאַך־מאַט איז די לעצטע צענדליק יאָר געוואָרן גאָר פּאָפּולער ביי אַ סך פעלקער און אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט האָט דאָס אין סאָוויעט־רוסלאַנד. אין ראַטן־פאַרבאַנד איז שאַך־שפּיל געוואָרן כמעט אַ נאַציאָנאַלער ספּאָרט. אַרום 50 מיליאָן מענטשן שפּילן היינט אין רוסלאַנד שאַך. אויך אין מדינת־ישראל איז שאַך-שפּיל געוואָרן אַ גאָר וויכטיקער נאַציאָנאַלער ספּאָרט. מדינת־ישראל פאַרנעמט דעם 6־טן אָרט אין דער וועלט־מייסטערשאַפט פון שאַך־שפּיל. אין 1976 וועט אין מדינת־ישראל פאָרקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלע שאַך־אָלימפּיאַדע, וואו עס וועלן זיך באַטייליקן אַ סך וועלט שאַך-מייסטער פון פאַרשידענע לענדער. צי וועלן די מושלים פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד דערלויבן זייערע יידישע וועלט־מייסטערס פון שאַך — ווי ספּאַסקי, סמירנאָוו און פּעטראָוו, אָנטייל נעמען אין דער שאַך־אָלימפּיאַדע וואָס קומט פאָר אין ישראל?

אונדזער מדינה, אויסטראַליע, האָט אין די לעצטע יאָרן אָנגעהויבן זיך אַרויסרוקן אויף דער וועלט־אַרענע מיט אירע שאַך־שפּילער. דער אויסטראַלישער שאַך־טשעמפּיאָן פּערדי האָט באַקומען דעם טיטול וועלט-מייסטער פון שאַך דורך קאָרעספּאָנדענץ. אויך אַנדערע אויסטראַלישע שאַך-שפּילער ווי דזשעמסאָן און קעלנער פאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס אין וועלט־מייסטערשאַפט פון שאַך־שפּיל דורך קאָרעספּאָנדענץ.

די „קדימה" אַלס אַ יידישע וועלטלעכע קולטור־אָרגאַניזאַציע, האָט זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז אין איר אַלגעמיינער יידישער קולטור־אַרבעט, דאַרף אויך אַריינגענומען ווערן דער באַליבטער יידישער מוח־ספּאָרט — שאַך־מאַט.

---

האָב פריער געזאָגט, איך גלייב אַז איך האָב אַרויסגעטראָגן מער ווי די שפּראַך אין די צען יאָר.

אָבער איך מיין, אַז די שפּראַך האָט אַ געוויסע באַדייטונג. עס איז פאַראַן אַ סך צו לערנען וועגן דער יידישער שפּראַך. עס זענען געווען אַזעלכע באַרימטע פילאָזאָפן און געלערנטע, וואָס האָבן גערעדט און געשריבן אין יידיש. אונדזער גאַנצע געשיכטע און באַרייכערונג פון דער קולטור אין די לעצטע ניין הונדערט יאָר איז געווען אין יידיש. די גרויסע מאָדערנע יידישע באַוועגונגען האָבן באַנוצט די יידישע שפּראַך. די אַלע פּרעכטיקע ווערק פון ליטעראַטור ביי יידן זענען געווען געשריבן אין יידיש.

אויב מיר פאַרלירן די יידישע שפּראַך, פאַרלירן מיר אויך אַ טייל פון אונדזער קולטור און ירושה. ווי קען אַ פאָלק איבערגעבן זייער אמתן טיפן און אינעווייניקסטן געפיל אָן זיין אייגענער שפּראַך...

איך גלויב, אַז איך האָב געפונען דעם ענטפער אויף דער פראַגע: „פאַר וואָס גיי איך אין דער יידישער שול"? איך גיי, ווייל איך וויל לערנען אַלץ וואָס איך קען וועגן די יידן, מיין פאָלק, אונדזער אַ מאָל און היינט; איך וויל וויסן וואָס אַנדערע יידן האָבן געטראַכט און טראַכטן; איך וויל אַריינדרינגען אין אונדזער קולטור. איך וויל קענען דעם באַגריף פון יידישקייט.

געהאַט דרך־ארץ פאַר די עלטערע שילער, אָבער נישט אַזוי פיל ווי פאַר אים.

איך אַליין האָב אויך געוואונען רעספעקט פון מיינע חברים אין די ייִנגערע קלאַסן פון דער ענגלישער שול. זיי האָבן געמיינט, אַז יעדער וואָס קען רעדן צוויי שפּראַכן איז אַזוי קלוג ווי די שילער פון העכערע שולן. (איך האָב געקענט רעדן אַ ביסל ייִדיש און פלעג ווען מאַכן אַן איינדרוק, זאָגנדיק יעדע ווייל: „דו ביסט אַ שלעכט מיידעלע", אָדער „שלעכט ייִנגעלע"). אַפילו אין די שפּעטערע יאָרן האָב איך נישט פאַרלוירן דעם געפיל פון רעספעקט פאַר עלטערע שילער, כאָטש איך אַליין פלעג מיך האַלטן נענטער מיט די ייִנגערע.

דער דאָזיקער צושטאַנד האָט זיך געענדערט ווען די ייִנגערע קלאַסן זענען אַוועק אין דער באַלווין שטאַט־שול און מיר זענען געבליבן אין קאַרלטאָן מיט די עלטערע שילער. צוויי יאָר שפּעטער זענען מיר אַוועק נאָך זיי. ווידער זענען מיר געווען צוזאַמען.

אין באַלווין האָבן מיר, עלטערע שילער, באַמערקט די ענדערונג אין דער אַטמאָספער. די שול האָט שוין מער נישט געהערט צו אונדז, און דאָס — מיין איך — האָט געהאַט אַן איינפלוס אויף אונדזער געפיל פון אידענטיפיצירונג מיט דער שול. מיר האָבן זיך געפילט ווי „נישט-געבעטענע געסט". מען האָט אונדז כסדר געזאָגט, אַז מען בויט אַ נייע שול. מיט דער צייט האָט שוין קיינער פון אונדז נישט געגלויבט, אַז מיר וועלן נאָך אַ מאָל אַנזען די נייע, צוגעזאָגטע שול ווי שילער. און מיר זענען געווען גערעכט״.

אין אונדזער הייגטיקער שול זענען מיר גאַנץ נאָענט מיט די ייִנגערע שילער. אין דער צייט פון דער הפסקה קומען מיר צו זיי אָדער זיי צו אונדז. עס זעט אויס אַז די קליינע קינדער זענען צופרידן; זיי לאַכן און שפּילן אין דרויסן, זיי געפינען די זעלבע פאַרווײַלונג ווי מיר האָבן עס געהאַט. זיי האָבן אָבער קיין בעסערס נישט געזען...

איצט, אין די עלטערע קלאַסן, לייענען מיר נישט קיין קורצע מעשיות כדי צו לערנען די שפּראַך (כאָטש אויך דאָס קומט אַריין טיילווייז). מיר לייענען איצט צוליב דעם אינהאַלט און דער באַדייטונג פון אויספירן. מיר זעען אונדזערע לערערס אין אַן אַנדער ליכט: מיר זעען זיי איצט מער ווי אַ שטויס-קראַפט צו לערנען ליבשאַפט צו אַ קוואַל פון וויסן. דאָס בייט אויך די איינשטעלונג צו די לערערס אין דער הויך־שול, וואָס באַאיינפלוסן אונדז צו באַנוצן זיך מיט מער און מער קוועלעס פון אינפאָרמאַציע.

עס איז נישטאָ ביי מיר קיין ספק, אַז מיין לערנען אַ צווייטע שפּראַך אין דער ייִדישער שול העלפט מיר אין לערנען שפּראַכן אויך אין דער מיטל-שול, און פאַרקערט. אָבער מיין ייִדיש וויסן, און דער באַוואוסטזיין אַז איך בין אַ ייִדיש קינד, דערווייטערט מיך פון די נישט-ייִדישע שילער אין דער מיטל־שול, וואָס קענען בלויז זייער מוטער־שפּראַך — ענגליש. פון דער צווייטער זייט ברענגט עס מיך אַ ביסל נענטער צו די שילער וואָס קענען צוויי שפּראַכן: די וואָס זיי באַנוצן אין דער היים, און ענגליש, וואָס זיי באַנוצן אין שול. דאָס איז ספּעציעל ריכטיק וועגן די גריכן און איטאַליענער, טראָץ דעם וואָס זיי זענען קאַטאָליקן.

עס ברענגט מיך זיכער אַ ביסל נענטער צו מיין מוטער, אירע פריינד און פאַמיליע. זיי אַלע רעדן ייִדיש צווישן זיך און זענען גליקלעך צו וויסן, אַז אַ מענטש פון דעם יונגן דור (איך) קען אויך רעדן און פאַרשטיין ייִדיש, אַפילו מיט מיין באַגרענעצטן וואָקאַבולאַר.

אַזוי אַרום האָב איך אויסגעפונען, אַז צום סוף פון צענטן יאָר האָב איך אַנטוויקלט אַ טרייִשאַפט, אַ פאַרשטענדעניש און פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו דער ייִדישער שול. אויב איך זאָל דורכלאָזן איין זונטיק אין דער פרי וועט מיך מיין געוויסן מאַטערן ביזן סוף פון דעם טאָג. ווען איך גיי אַרויס שבת ביי נאַכט פיל איך אַז איך מוז זיין צוריק אין דער היים איך אַזאַ שעה, אַז איך זאָל קענען גיין אין דער ייִדישער שול צו מאָרגנס איצט, ווען איך בין אַ ביסל עלטער, און האָפנטלעך אויך אַ ביסל קליגער, פאַרשטיי איך אַז עס איז געווען פאַר מיין אייגענעם גוטס אַז מיינע עלטערן האָבן מיך איבערצייגט צו גיין אין דער ייִדישער שול אין די לעצטע יאָרן.

די וויכטיקסטע זאַך וואָס איך האָב געלערנט, איז נישט די שפּראַך אַליין, נאָר די קולטור און געשיכטע פון די ייִדן. איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן דאָס לעבן פון די ייִדן אין דער פאַרגאַנגענהייט און פון אונדזערע טעג, ווי איך האָב דאָס געלערנט אין דער ייִדישער שול. איך האָב געלערנט וועגן דעם לעבן פון מיינע אבות, די שטאָלצע מענער און פרויען פון וועלכע איך שטאַם. דאָס וויסן און פאַרשטענדעניש האָט באַרייכערט און באַפאַרבט אַלע מיינע דערפאַרונגען אַלס אַ ייִדיש קינד און וועט וואַרשיינלעך אַזוי פאַרבלייבן.

די צוקונפט קאָן איך נישט וויסן. איך קען נישט פאָראויסזען מער ווי ביז דער נאָענטסטער וואָך. אָבער איך האָף, אַז איך וועל שיקן מיינע קינדער אין דער ייִדישול, ווי מיינע עלטערן האָבן מיך געשיקט, און אַז מיינע זין און טעכטער וועלן באַקומען פון דער ייִדישער שול אַזוי פיל ווי איך.

עס האָט זיך איצט געעפנט אַ ייִדישע טאָגשול. אַזוי אַרום — ווער ווייס — אפשר וועל איך שיקן מיינע קינדער אין אָט דער שול. אַ סך וועט זיין אָפּהענגיק פון מיין מאַן, צי ער איז אַ ייִד אָדער נישט, פון זיין צוגאַנג צו דעם פּראָבלעם פון דער צוקונפט פון ייִדיש אין אַ וועלט פון ענדערונגען.

איך גלייב, אַז איך וועל זיי צופרידן ווען מיינע קינדער וועלן לערנען וועגן ייִדישקייט אין וועלכער נישט איז שפּראַך, ווייל עס איז נישט די שפּראַך אַליין וואָס איז וויכטיק. עס איז דאָס וואָס מען זאָגט אין איר. ווי איך

זענען געווען פֿאַרפֿרעמדט פֿון זייערע אייגענע טראַדיציעס.

סטאַטיסטיק ווייזט קאָנקרעטע ציפֿערן פֿון אונטערגייענדיקער פֿרומקייט וואָס דאַרף איבערגיין פֿון פֿאָטערס צו זין, ווייל די היים איז דאָס הויפּט־אָרט וואו מען לערנט יידישקייט ווערטן. עס זעט אויס, אַז די צוקונפֿט אַנטהאַלט אַ דערוויטערונג פֿון „יידישקייט". דאָס וועט מסתמא שטעלן ערנסטע פּראָגעס אין דער ישראל־געזעלשאַפֿט.

דאָס אַוועקגיין פֿון פֿרומקייט וועט פּרוּוון דאָס גע־ווער פֿון וועלטלעכער יידישקייט אידענטיטעט און אונטערשטרייכט אַ געוויסע נויטווענדיקייט פֿאַר טראַדיציאָנעלע פֿאָרמען פֿון ישראל־יידישקייט.

איך האָב גערעדט מיט אַ יונגן סטודענט, אַ ישראלי. ער איז געקומען צום אויספֿיר, אַז עס קאָן נישט זיין אַ ישראל אָן יידישקייט, ווייל ציוניזם איז אַ טייל פֿון יידישקייט. אָן דעם האָבן מיר נישט קיין שום רעכט אויף ישראל.

יידישייט איז אַ סך מער ווי אַ רעליגיע. עס איז אַ טראַדיציע, אַ קולטור און אופֿן פֿון לעבן. פֿאַר אַ טייל איז די תורה אַ קאָדעקס פֿון סאָציאַלע ווערטן. צו משפּטן אַ ייד דורך דעם צי ער צינדט ליכט אויף שבת אָדער נישט איז אומיושרדיק צו אים און צו יידישקייט. אַזעלכע זאַכן טרייבט מענטשן אַוועק. אפֿשר איז דאָ אָרט פֿאַר ענדערונגען פֿון געזעצן וועלכע זענען צוויי טויזנט יאָר אַלט?

דער היינטיקער פּראָבלעם איז: ווי אַזוי עמיצער קען זיין ביידע — ישראלי און ייד.

איך האָב אויך געשמועסט מיט אַ ישיבה־סטודענט פֿון ירושלים. ער האָט געמיינט, אַז מיינע פֿראַגן וועגן ישראל־יידישקייט זענען מאָדנע. ער האָט געטראַכט, אַז יידישקייט קען נישט געמאָסטן ווערן אויף אַ וואָגשאָל פֿון יידישקייט־ווערטן. דער פֿאַקט אַז יידן לעבן מיטן באַוואוסטזיין פֿון זייער נאַציאָנאַלער צוגעהעריקייט, מאַכט זייערע אַקטיוויטעטן יידיש.

יידישקייט־אינהאַלט פֿון ישראל איז אַ גרויס פּראָבלעם פֿאַר אַלעמען. ישראלס וועלטלעכע גרינדערס האָבן געגלויבט, אַז דאָס שאַפֿן פֿון דעם „נייעם ייד" אין ישראל, וועט פֿאַרנעמען דעם נוטה למות סימפּטאָם פֿון גלות־יידישקייט. די אידיי האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ פֿאַלשער חלום. די אינטערנאַציאָנאַלע אויפֿוועקונג פֿון יידישער אידענטיטעט דורך די מלחמות פֿון 1967 און 1973 האָבן באַשאַפֿן אַ גלויבן אין ברודערשאַפֿט צווישן אַלע יידן.

אָנערקענען ברודערשאַפֿט צווישן יידן אַסעקורירט נישט לאָיאַלקייט צו יידישקייט, אָדער צו פֿאַרהיטן פֿון מיש־זיווגים. יונגע ישראלים קאָנפֿראָנטירן מער און מער פֿראַגן וועגן זייער אידענטיטעט אַלס יידן. דערווייל זענען נישטאָ קיין קלאָרע ענטפֿערס.

---

מאַרי באַרנס

צענטער קלאַס, י. ל. פּרץ שול

# צען יאָר אין דער יידישער שול

פֿאַר וואָס גיי איך אין דער יידישער שול? זיכער דאַרף דאָס זיין איינע פֿון די מערסטנס איבערגעחזרטע פֿראַגן, וואָס שילער פֿון דער שול שטעלן זיך אַליין.

איך ווייס, אַז איך האָב זיך געפֿרעגט די זעלבע פֿראַגע אין פֿאַרשידענע ציטן: וואָס וועל איך פֿון דעם האָבן? פֿאַר וואָס פֿאַרברענג איך מיין זונטיק אין דער פֿרי אין דער יידישער שול וואָך נאָך וואָך, יאָר נאָך יאָר? זיכער איז פֿינף טעג אַ וואָך גענוג פֿאַר אַ קינד צו לערנען. איז עס, ווייל מיינע עלטערן צווינגען מיך צו גיין?

ניין! מיינע עלטערן וואָלטן נישט געווען איבערגליקלעך ווען איך וואָלט פֿאַרלאָזט די שול, דאָך וואָלט מען מיך בלויז געפּרוּווט איבערציגן — אָבער נישט געצוואונגען קעגן מיין ווילן צו בלייבן.

איז אפֿשר טו איך עס כדי צו דערגרייכן דעם אַטעסטאַט, וואָס זאָגט אַז איך קען אַ ביסל לייענען, רעדן און שרייבן יידיש, און אַז איך ווייס פֿון יידישער גראַמאַטיק, ליטעראַטור, געשיכטע און עטיק? — אפֿשר איז עס מיין לאָיאַליטעט צו דער יידישער שול, מיין פֿאַרשטענדעניש און פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט — אָבעד אין עלטער פֿון זעקס־אַכט יאָר האָב איך נישט געוואוסט פֿון קיין אַטעסטאַטן און האָבן נישט געהאַט קיין געפֿיל פֿון פֿאַרשטענדעניש, אָדער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט און טריישאַפֿט בכלל.

קען עס זיין, אַז איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז אַ קליין ביסל לערנען האָט קיינעם נאָך נישט געבראַכט קיין שאָדן? עס איז זיכער נישט צו פֿיל צו באַצאָלן דריי שעה אַ וואָך פֿאַר אַ באַגריף וועגן יידישן פֿאָלק און אונדזער לשון. אָבער דאָך, וויפֿיל זעקס־יאָריקע קינדער זאָרגן זיך וועגן זייער וויסן, אָדער זייער מאַנגל אין וויסן...

אַלזאָ, פֿאַר וואָס בין איך געגאַנגען אין שול?

איך זאָג: פֿאַר וואָס בין איך געגאַנגען? ווייל איך האַלט איצט אויפֿן וועג פֿון ענדיקן די יידישע שול, ביים סוף פֿון צענטן קלאַס, ביים סוף פֿון לעצטן יאָר. איך קען איצט קוקן אויף צוריק אויף דער גאַנצער צייט, וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט אין דער יידישער שול, און קען עס זען אין אַ רעאַלן ליכט.

נאָך אין דראַמאָנד־סטריט אין קאַרלטאָן האָב איך זייער ליב געהאַט די שול, ווייל דאָס איז געווען פֿאַר מיר אַ נייעס. איך טראַכט, אַז אַ „יידישע" אַטמאָספֿער איז געווען אין דער שול אויף דראַמאָנד־סטריט. זי האָט געהערט צו אונדז: מיר האָבן געהאַט יידישע בילדער אויף די ווענט און עס איז געווען אַ געפֿיל פֿון אָנגעהעריקייט.

איך האָב געהאַט אַ סך דרך־ארץ פֿאַר מיסטער גיליגיטש. איך דערמאָן מיך, אַז ווען איך בין געווען קליין, האָב איך געטראַכט אַז ער איז י. ל. פּרץ. איך האָב אויך

# קינדער־אַרבעטן

לאה קאַמינסקי
צענטער קלאַס, שלום עליכם שול

## „יידישקייט וויסן"
## אין דער יידישער מלוכה

ווען ישראל איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס זעלבשטענדיקע מלוכה אין יאָר 1948, האָבן די גרינדערס רעפּרעזענטירט אַ ברייטן ספּעקטרום פון פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און רעליגיעזע פילאָזאָפיעס. זיי זענען אַלע מסכים געווען, אַז די מלוכה דאַרף זיין יידיש; באַדאַרף אַ יידישע מערהייט אונטער דער הערשאַפט פון אַ יידישער רעגירונג. אָבער ספּעציפיקאַציעס זענען דעבאַטירט געוואָרן שאַרף· טייל האָבן געטענהט, אַז ישראל מוז זיין אַן אויפגעקלערטע, וועלטלעכע דעמאָקראַטיע· אַנדערע האָבן זיך איינגעשפּאַרט, אַז ישראל קען נישט זיין קיין יידישע מדינה אָן אַ יידישן אינהאַלט און ווערטן. כאָטש די מערהייט ישראלים זענען דערויף געווען מסכים, האָבן זיי אָבער געפונען אַנדערע דעפיניציעס פאַר „יידישן אינהאַלט און ווערטן".

סאָציאַליסטן האָבן געזען אַלס מאָדעל די עגאַליטאַרע געזעלשאַפט. די יידישקייט וועלכע ישראל באַדאַרף, דאַרף זיי אַנדערש פון דער פּסיכאָלאָגיע און קולטור פון זייערע אייראָפּעאישע און אַזיאַטישע מקורים. זיי, און אַנדערע, האָבן פאַרטייטשט „יידישקייט" אין נאַציאָנאַלע טערמינען. זיי האָבן מודה געווען, אַז די רעליגיע האָט געהאַלטן יידן צוזאַמען אין גלות, אָבער אין ישראל איז נישטאָ די דאָזיקע נויטיקייט.

די נייע יידישע סוווערעניטעט האָט מען אויך געזען אַלס אַ מעגלעכקייט צו פאַרייניקן דאָס פאָלק אויפן אייגענעם באָדן. אַנדערע האָבן פאָראויסגעזען ישראלס געבוירענע יונגקייט אַלס אַ שטאַרקן רינג אין דער קייט פון יידישער קאָנטינואיטעט, ווי אַ מלוכה געפירט פון יידישן געזעץ און רעליגיעזער ירושה.

היינט, מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט שפּעטער, איז די וויכטיקסטע פראַגע וועגן דער מלוכהס יידישן כאַראַקטער, אַ פראַגע וואָס מאַטערט אונדז נאָך דער מלוכהשער פּאָליטיק, וואָס איז באַזירט אויף סתירהדיקע אידעאָלאָגיעס און לאָזט איבער צעמישטע ישראלים, וועלכע וואונדערן זיך צי עס דאַרף זיין אַ מלוכה פון יידן, אָדער אַ יידישע מדינה.

איך בין דעם יאָר געווען אין ישראל און געשמועסט מיט אַ סך ישראלים פון פאַרשידענעם עלטער און שטעלונגען. דאָ וויל איך פּרובירן צו דיסקוטירן עטלעכע מיינונגען, וועלכע איך האָב דאָן אָנגעטראָפן.

די ערשטע לעקציע אויף וועלכער איך בין געווען, איז פאָרגעקומען אין ירושלים. דער לעקטאָר איז געווען מנחם קאָהען. ער האָט ביי מיר געלאָזן דעם איינדרוק, אַז ער איז נישט אַנטציקט פון דער היינטיקער אינערלעכער לאַגע. פאַרקערט, ער האָט פאַרשידענע טענות. ישראל פּראַקטיצירט רעליגיעזן צוואַנג, אויסקוקנדיק לפנים מער יידיש, פון וואָס דער היפוך איז דער אמת. ער מיינט, אַז עס איז נישט קיין גוטע קאָמבינציע פון רעליגיע און מלוכה. עפנטלעכער פאַרקער אין שבת איז נישט פאַרבאָטן. עס זענען נישטאָ קיין געזעצן צו רעגולירן כשרות, אָבער — לויטן רבין — איז דער לעגאַלער סיסטעם נישט דער הויפּט פּראָבלעם. ער האָט געזאָגט, אַז ענינים וואָס האָבן צו טאָן מיטן יידישן לעבן, זענען פרעמד פאַר אַ גרויסן טייל פון געבוירענע ישראלים. זיי האָבן ליב נאָר דאָס היימלאַנד, וועלכע איז לויט זיין מיינונג, נישט ספּעציפיש יידיש. ער האַלט, אַז אַ סך ישראלים ווילן נישט אָפּהיטן די צען געבאָטן ווייל זיי מיינען אַז די געבאָטן זענען בלויז פאַר פרומע יידן. ער האָט געזאָגט: מען דאַרף נישט פרעגן: „ווער איז אַ ייד?" נאָר „וואָס איז אַ ייד?" פאָרלייגנדיק אַ גאַנצע רעאָרגאַניזאַציע פונעם דערציערישן סיסטעם. דאָס איז לויט אים די איינציקע פאַרענטפערונג.

איך האָב נאָך דעם גערעדט מיט אַ סאַברע, אַ דאָרט געבוירענער. זיין מיינונג איז געווען, אַז עס איז פאַראַן אַ נויטיקייט פאַר רעליגיעזע און וועלטלעכע יידן צו לעבן צוזאַמען. דאָס וועט מען קאָנען דערגרייכן דורך אָפענע דיסקוסיע — דעם שליסל צו אמתער יידישער אייניקייט. איך האָב אים געפרעגט: וואָס יידישקייט מיינט פאַר אים? ער האָט געענטפערט, אַז ער איז נישט זיכער און איז אַ ביסל צעמישט. וואָס מאַכט אַ מענטש פאַר אַ ייד? מיינט עס אַז ער רעדט עברית? אַ סך נישט־יידן רעדן אויך עברית. דאָס דינען אין דער אַרמיי? דרוזים דינען אויך אין דער אַרמיי. אָדער איז יידישקייט אַ היסטאָרישע טראַדיציע וואָס פאַראייניקט אַלע יידן?

דער דורכפאַל אין די שולן פון דעם „יידישקייט־וויסן"־פּראָגראַם איז איין סיבה פאַר וואָס די ישראל־יוגנט ווייס נישט וואָס יידישקייט מיינט. אין דער מלוכהשער זעלבשטענדיקייט איז נישט געווען פּלאַנירט צו לערנען אַזאַ לימוד. אָבער אַן אומגליקלעכער צופאַל האָט געצויגן קהלס אויפמערקזאַמקייט אויף דעם פּראָבלעם.

אין די 1950־ער יאָרן איז אַ דעלעגאַציע פון סאַברעס געפאָרן קיין רוסלאַנד צו רעפּרעזענטירן ישראל אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן יוגנט־פעסטיוואַל. באַזוכנדיק די מאָסקווער שול, האָט מען זיי אויפגערופן צום לייענען די תורה, די יוגנט האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. זיי

באַשרייבן. ער האָט געשטאַמט פון דער ביאַליסטאָקער גוט באַקאַנטער אינדוסטריעלער משפחה סוראַסקי.

עס איז כדאי דאָ איבערצוגעבן, ווי אהרן סוראַסקי — דער פּאַטריאַרך, דער שטאַם־פאָטער פון דער משפחה סוראַסקי און דער זיידע פון יעקב וואַקס — איז צופעליק געוואָרן אַ קאָצקער חסיד.

נישט זיין טאַטע און נישט זיין זיידע זענען עס קיינמאָל נישט געווען, אָבער ווייל אין שכנות פון אהרן סוראַסקי איז געווען אַ חסידים־שטיבל און ער פלעגט זיך דאָרט אָפט אַריינכאַפּן, איז ער געוואָרן אַ חסיד און דווקא אַ קאָצקער און מיט אים די גאַנצע משפחה (ער האָט אפילו אויסגעבויט אַ גרויסן בנין — דאָס קאָצקער חסידים־שטיבל).

אָבער אהרנס איניקל — יעקב וואַקס — אַנשטאָט צו גיין אין קאָצקער שטיבל, איז ער אַוועק אויף גאַנץ אַנדערע וועגן — געוואָרן אַן אַפּיקורס און אַ פאַרברענטער רעוואָלוציאָנער אויף אַזוי ווייט, אַז ווען ס'פלעגט אויסברעכן אַ שטרייק אין דער פאַבריק פון זיין משפחה סוראַסקי, פלעגט ער זיך חברן מיט די שטרייקערס און אַרויסווייזן שטאַרקע סימפּאַטיע מיט די וועבערס.

ער האָט בכלל נישט געקאָנט פאַרטראָגן קיין עוולות און באַזונדערס, ווען דאָס איז באַגאַנגען געוואָרן לגבי אַ בעל־מלאכה.

שוין אין די יאָרן 6־1905 ווערט ער אַריינגעצויגן אין דער בונדישער באַוועגונג, אַנטייל גענומען אין זעלבסטשוץ בשעת דעם ביאַליסטאָקער פּאָגראָם אין 1906 ווי אויך אין אַנדערע רעוואָלוציאָנערע אַקציעס.

ווען ער באַטייליקט זיך אין דער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער צווייטער „גאָסודאַרסטווענער" דומע ווערט ער צום ערשטן מאָל אַרעסטירט.

זינט דאַן איז דאָס זיצן אין תפיסה ביי וואַקסן נישט געווען קיין נאָווינע. בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע (אין דער ערשטער וועלט־מלחמה) איז ער געווען פאַרזיצער פון אומלעגאַלן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־ראַט, וועלכער האָט דורכגעפירט אַ ריי רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען, ווי דעם גרויסן שטרייק פון 1500 באַן־אַרבעטער אַלס פּראָטעסט קעגן דער אָקופּאַציע־מאַכט, ווערט ער אַרעסטירט, זיצט צו ערשט אין דער מיליטערישער תפיסה און נאָך דעם פאַרשיקט אין שטראָף־לאַגער, וואו ער בלייבט שוין ביזן סוף פון דער מלחמה.

אין דער דעמאָקראַטישער ביאַליסטאָקער קהילה איז ער געווען דער פירער פון דער 16־קעפּיקער בונדישער פראַקציע און האָט האָט אויך אָנגעפירט אַן ענערגישן פאַרטיידיקונגס־קאַמף פון די יידישע אַרבעטער קעגן דער אַנטיסעמיטישער קואַליציע אין פוילן אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן, פאַר וואָס ער ווערט ווידער אַרעסטירט און אָפּגעשיקט אין מאַקאַטאָווער תפיסה.

סוף צוואַנציקער יאָרן ווערט ער ראַטמאַן („לאַווניק") אין שטאָט־ראָט. ער נעמט אויך אַ גרויסן אַנטייל אין דער וויסנשאַפטלעכער, סטאַטיסטישער אַרבעט פון „דזשאָינט" און באַזונדערס אין דער גרויסער 8־בענדיקער אויסגאַבע „יידישע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין פוילן".

ער איז אויך געווען וויצע־פאַרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג פון דער קראַנקן־קאַסע.

איינע פון זיינע גרעסטע פאַרדינסטן איז געווען זיין העלפן בויען די באַוואוסטע גראָסער שולע.

עס איז שווער אויסצורעכענען אַלע ערן־אַמטן און אַלע געביטן, אין וועלכע דער נפטר האָט זיך באַטייליקט. ווען מיר וואָלטן אַפילו געוואָלט זיך אָפּשטעלן אויף די איינצלהייטן בלויז פון איין געביט, ווי למשל, דאָס שול־וועזן, אין וועלכן ער האָט אַריינגעלייגט אַ שלל מיט אַרבעט, וואָלט עס געווען אַבסאָלוט אוממעגלעך שוין פשוט צוליבן מאַנגל אין פּלאַץ אין אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע.

נאַטירלעך האָט ער אויך דאָ אין מעלבורן, זינט ער איז געקומען אַהער, אויסגענוצט זיין טאַלאַנט און זיינע פעאיקייטן סיי אין דער בונדישער באַוועגונג און סיי אויף דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן געביט אין פאַרשידענע פאָרמען. ער איז אויך געווען באַטייליקט אין דער רעדאַקציע פון דער בונדישער אויסגאַבע „אונדזער געדאַנק".

איין זאַך איז אָבער קלאָר: מיטן פריינד יעקב וואַקס איז אַוועק פון דער וועלט איינע פון די לעצטע וויכטיקע פערזענלעכקייטן פון אַ ליכטיקן דור יידישע כלל־טוערס, אַרבעטער־פירערס און פאַרדינסטפולע יידישע קולטור־געזעלשאַפטלעכע טוערס.

כבוד זיין אָנדענק!

---

אונדזער חשובן מיטאַרבעטער, דעם יידישן שרייבער און פּרעלעגענט, פריינד

**יצחק קאַהאַן**

דעם טיפסטן מיטגעפיל צוליבן פּריצייטיקן טויט פון זיין באַליבטער און געטרייער פרוי

## חנה קאַהאַן

זייט געשטאַרקט.

רעדאַקציע־קאָלעגיע פון
„מעלבורנער בלעטער"

---

אונדזער חבר און פריינד

**משהל רובינשטיין**

רעדאַקטאָר פון „די שטימע" אין מעקסיקע, שיקן מיר איבער די טיפסטע מיטגעפילן צוליב דעם טויט פון זיין באַליבטער פרוי

## בלומע ע"ה

זיי געטרייסט.

מאַלאַ און יוסף אַרבאַך

מעלבורן, אויסטראַליע.

## א. זבאַר

# יעקב וואַקס ע״ה

### (צום צוואַנציקסטן יאָרצייט)

ס'איז איצט געוואָרן פּונקט 20 יאָר זינט עס איז אַוועק פון אונדז אין דער אייביקייט דער גוט-באַקאַנטער קולטור־געזעלשאַפטלעכער טוער, וועטעראַן פון דער בונדישער באַוועגונג, דער אומפאַרגעסלעכער פריינד — יעקב וואַקס.

כאָטש גאַנצע צוויי צענדליק יאָר זענען פאַרלאָפן זינט זיין טויט, פיל איך, ווי עס וואָלט נעכטן פּאַסירט.

עס איז צופעליק געשען, אַז אין אַ געוויסן טאָג האָבן מיין ווייב און איך זיך געטראָפן מיטאָג־צייט אין אַ רעסטאָראַן מיט אונדזער אַלטן פריינד און לאַנדסמאַן, יעקב וואַקס, און עטלעכע שעה שפּעטער, אַ טעלעפאָן פון פריינד לעאָ פינק ע״ה, אָנזאָגנדיק אונדז די טרויעריקע בשורה, אַז יעקב וואַקס לעבט שוין נישט מער.

ס'איז לייכט זיך פאָרצושטעלן, וואָס איך האָב בעת מעשה איבערגעלעבט — יעדער גליד אין מיין קערפּער איז אויפגעציטערט געוואָרן: מיט געציילטע שעה צוריק האָבן מיר צוזאַמען פאַרבראַכט, געשמועסט און ווי זיין טבע איז געווען, געהאַלטן אין איין „פּאָליטיקירן", זיך געוויצלט דערביי, נאָך דעם גענומען זיין אויטאָ און גע־פאָרן צו זיינע קרובים — צו דער פינק־משפחה — וואו ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה.

„סאַראַ לייכטער טויט!" — זאָגן מענטשן אין אַזאַ פאַל. אָבער ווי לייכט דער טויט זאָל נישט זיין — צום לעבן קומט עס נישט...

ווען דער שרייבער פון די שורות איז נאָך געווען אַ יונגער יינגל — נאָך געגאַנגען אין גימנאַזיע, געדענקט ער קלאָר, אַז דער עולם האָט שוין דאַן גערעדט וועגן וואַקסן, געלויבט אים אין הימל אַריין, דערציילט וועגן זיינע אויפטוען און באַזונדערס וועגן זיין העראָאישקייט אַלס פירער און אָרגאַניזאַטאָר פון די אַרבעטער־מאַסן. ווען מ'רעדט און מען שרייבט וועגן אַ מענטשן און וועגן זיינע געוואַגטע מעשים, איז אַ סימן, אַז ער איז עס ווערט און האָט עס כשר פאַרדינט.

איז טאַקע פון דאַן אָן געבליבן אין מיין זכרון די געשטאַלט פון וואַקסן אַלס אַ ייד, אַ רעוואָלוציאָנער, אַ קעמפער.

מערקווירדיק: הגם צווישן מיר מיט אים איז גע־ווען אַ גרויסער אונטערשייד סיי אין עלטער און סיי אין אונדזערע פּאָליטישע אָנשויאונגען, האָט אונדז דאָך גע-בונדן אַ לאַנג־יאָריקע פריינטשאַפט — צו ערשט אין דער אַלטער היים — אין ביאַליסטאָק — און דערנאָך, ווען ער איז געקומען קיין אויסטראַליע.

הגם מיר זענען געווען, ווי געזאָגט, צוויי באַזונדערע פּאָליוסן, האָב איך עפּעס געפילט אַ רעספּעקט פאַר זיין אויסגעהאַלטנקייט, פאַר זיין קאָנסעקווענץ אַלס אַ שטאַרק גלויביקער סאָציאַליסט, אייביק טריי זיין באַוועגונג באמונה שלמה; איבערגעגעבן זיינע חברים מיט האַרץ און נשמה. ער האָט געלעבט, געאָטעמט און געווירקט פאַר זיין אידיי. דאָס איז געווען דער כוח פון זיין אומדערשיטער־לעכן גלויבן און איבערצייגונג אין זיינע אידעאַלן און די זעלבסט־דיסציפּלין, וואָס ער האָט אין זיך אויסגעשמידט.

האָט דאָך וואַקס שוין פון זיין פריסטער יוגנט אָן אַריינגעוואָרפן זיך אין דער אַרבעטער־באַוועגונג מיט דער איינציקער שטרעבונג צו פאַרבעסערן דעם גורל און די מערכה פון דעם יידישן אַרבעטער, דעם יידישן פאָלקס־מענטש און האָרעפּאַשניק.

דעריבער טאַקע איז דער „בונד" געווען ביי אים דער עיקר און דער „טעם" פון זיין לעבן און פאַר דעם ציל האָט ער אָפּגעגעבן זיין גאַנצע אומדערמידלעכע ענערגיע.

אין דער זעלבער צייט האָט ער אָבער פיל געאַרבעט איבער זיך: ער איז געווען אַ גרויסער מתמיד, געלייענט אַ סך — טייל מאָל טיף אין די נעכט.

ער האָט אויף זיין אייגענעם שטייגער געלערנט גע־שיכטע, ליטעראַטור, פּאָליטיק.

אָבער דאָס לעצטע איז געווען זיין ליבלינג. ער האָט כסדר זיך געגריבלט אין אַלע זשורנאַלן און צייטשריפטן, ווייל ס'האָט איך אים געברויזט נישט נאָר דער פּאָליטי־שער טעמפּעראַמענט, נאָר אויך דער אומגעשטילטער דורשט נאָך וויסן.

און אין די יאָרן פון „רייסן זיך פאָרויס" האָט ער דערשפּירט דעם צויבער פון דער אָראַטאָרישער טריבונע און טאַקע מיט זיין כוח הדיבור פלעגט אים געלונגען צוצוציען אָנהענגער.

ער איז געווען זייער שאַרפזיניק, און צי איר האָט מיט אים גערעדט מעניני דיומא, אָדער וועגן אונדזער פאַרשוואונדענעם אַ מאָל, איז ער אייך קיין מאָל נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפער.

אין גרונט גענומען איז ער געווען אַ דאָמינירנדיקע פּערזאָן. דערויף האָבן געקאָנט עדות זאָגן די שטריכן פון זיין שטרענגן געזיכט, און וואָס אַן אמת, געדענק איך נישט, אַז איך זאָל אַמאָל האָבן געזען וואַקסן שמייכלענדיק — פון לאַכן איז איבערהויפּט אָפּגערעדט. און דאָך איז ער געווען מלא וגדוש מיט הונדערטער הומאָריסטישע מעשהלעך, אַנעקדאָטן. שטענדיק אָבער צו דער זאַך, אויפן אָרט, צוגעפּאַסט צו דער אָדער יענער סיטואַציע.

ער האָט ליב געהאַט צו רעדן און אַ סך רעדן, אָבער ס'איז שטענדיק געווען וואָס צו הערן.

זיין ליבע צו יידישקייט און צו מאַמע־לשון און זיין שטאַרקע צוגעבונדנקייט צו דעם וואָרצל פון אָפּשטאַם — צו זיין היימשטאָט ביאַליסטאָק — איז ממש נישט צו

גראַפן. באַלד האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— ווי האַלט עס מיט דיר? — ס'פאַלט מיר איין, כ'האָב דיך געזען, דאַכט מיר, אין מאָנאַש?

— אַזוי איז עס. פאַקולטעט פון סאָציאַלע וויסנשאַפטן.

— באַוווּנדערסט דעם וואָגן? — האָט ער געזאָגט, ווי דאָס וואָלט געווען אַ זעלבסט פאַרשטענדלעכע זאַך — ער געהערט צו מיין חברס פאָטער, געהערט אוודאי איסאַקאָוו, דער באַקאַנטער בוי־אונטערנעמער.

סוזען האָט נישט געוווּסט וואָס זי זאָל פריער באַוווּנדערן: דעם יונגן ענערגישן בחור מיט די שוואַרצע דורכדרינגלעכע אויגן; דעם גאָלדענעם מעדאַליאָן וואָס ער טראָגט אויף אַ קייט אַרום האַלדז, דעם אַמעריקאַנער אויטאָ, וואָס שפּיגלט מיט די ניקל-טיילן אין דער זון — אָדער גאָר דעם בוי־אונטערנעמער איסאַקאָוו, וועלכן מ'האָט ביי זיי אין דער היים געשאַצט אין מיליאָנען...

דער בחור האָט זיך נישט געגעבן די מי צו וואַרטן אויף איר ענטפער. פאַר אים איז געווען אַבסאָלוט קלאָר, אַז דאָס איינציקע וואָס איז ווערט צו באַוווּנדערן, איז דער אויטאָ מיט זיין פּרעציזער, קלוגער קאָנסטרוקציע, וועלכן ס'איז אַ פאַרגעניגן צו פירן.

— האָסט חשק זיך איבערצופאָרן? — האָט ער איר אַ פרעג געטאָן — אָ, אָ, גאָר פאַרגעסן, איך הייס לעאָן.

— סוזי — האָט זי שעמעוודיק אַ זאָג געטאָן.

— לאָמיר גיין — האָט ער איר אַ נעם געטאָן פאַר דער האַנט. זיין דרייסטקייט האָט איר אי איבערראַשט, אי אימפּאָנירט. דער אויטאָ האָט זיך אָן גערויש אַרויסגעגליטשט אויפן שמאָלן וועג און זיך אַוועקגעלאָזט צווישן די פעלדער. לעאָן איז געווען אַ מיידעם אין פירן אַן אויטאָ מיט איין האַנט. סוזען האָט זיך צוגערוקט צו אים און אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אין זיין האָריקער ברוסט, און מיט אָפענע, פאַרטראַכטע אויגן, זיך איינגעקוקט אין דער ווייטקייט. ס'האָט איר נישט געאַרט וואוהין דער אויטאָ וועט זיי פירן אָדער, אויב דער בחור האָט עפּעס אַנדערש אין זינען, אויסער צו דעמאָנסטרירן פאַר איר די פיינע, מעכאַנישע קאָנסטרוקציע פון דעם „מאָסטאַנג". מיט אַלע אירע חושים האָט זי דערשפּירט אַ נאָענטקייט צו אים און איינגעטוליעט צו זיין ברוסט, האָט זי זיך דערפילט באַשיצט, זיכער און זאָרגלאָז. זיין פרייע האַנט האָט זי אַרומגענומען. דאָס איז געווען די שווערע, וואַרעמע האַנט פון אַ מאַן, וואָס איז זיכער אין זיינע באַמיאונגען.

סוזי האָט זיך נאָך נענטער צוגעטוליעט צו אים, עס זאָל אים זיין באַקוועמער צו פירן דעם אויטאָ. צוליב דעם איז איר האַנט אויסגעקומען צו רוען אין זיין שויס. דער ווינט האָט גערוישט אין די אָפענע פענצטער, און אירע האָר האָבן געפלאַקערט. כאָטש לעאָן איז געווען פאַרכאַפּט מיט דער מעכאַנישער סימפאָניע פון אויטאָ, פילט זי, אַז ער רעאַגירט אויף איר אָנוועזנהייט. דער ווייזער אינעם קילאָמעטער־ציילער האָט געהאַלט אין איין שטייגן. די זון האָט שוין היפשלעך געוואַרעמט, ווען אויפן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן דער בלויער זוים פון ים און דער ענדלאָזער זאַמדיקער ים־ברעג.

דער אויטאָ האָט געשיקט געפונען דעם וועג אַראָפּ פון הויפּט־שליאַך און געבליבן שטיין אויפן ווייסן זאַמד.

— וואָלסט זיך געוואָלט דורכשווימען? — האָט לעאָן צום ערשטן מאָל געפונען פאַר נויטיק נישט נאָר צו פרעגן, נאָר בכלל עפּעס צו זאָגן.

— געוויס. אָבער...

— אַ, טראַכט נישט וועגן דעם. ס'איז קיינער נישטאָ, איז ווער קען אונדז שטערן. ווייסטו דען ווי וואונדערלעך סטימולירנדיק ס'איז דער קאָנטאַקט פון וואַסער מיטן נאַקעטן קערפּער? — און כדי צוצוגעבן איר קוראַזש, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן די קורצע הייזלעך און זיך אַריינגעוואָרפן אין קילן, שוימיקן וואַסער... זי איז נאָכגעקומען, זיך אונטערגעטוקט און אַרויסגעשוואומען נעבן אים.

— נישט שלעכט, ווי מיינסטו?

זי האָט גאָרנישט געמיינט. אַלץ איז פאַרלאָפן שנעלער, ווי זי האָט זיך געקאָנט אַפילו פאָרשטעלן. דאָס קילע וואַסער, דער אומבאַקאַנטער בחור וואָס איז איר נאָענט. די אומגעבונג פון זייער זיין דאָ, אויף אַן איינזאַמען ים־ברעג, האָט אַנטשפּאַנט די נערוון און מיט אַ מאָל זענען אַלע פּענטעס און פּראָבלעמען אין וועלכע זי האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אָפּגעפאַלן. דאָס איינציקע וואָס האָט איר איבערראַשט, איז אַן אינערלעכע צאַפּלעניש ווען זי האָט זיך דערפילט ווי אַ פרוי. און מאָדנע, זי האָט עפּעס מער אָדער אַנדערש גאָר נישט געוואָלט זיין. ערשט איצט האָט זי זיך דערפילט ווי ניי־געבוירן, פריי פון אַלע צוימען.

אָפּגעפרישט, נאַסע, האַנט אין האַנט, זענען זיי פון וואַסער אַרויסגעשפּרונגען און מיט קינדערשער פרייד זיך אָנגעקוקט. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. דער אָנריר פון די ליפּן האָט אַ ברי געטאָן און זיי האָבן זיך זאָרגלאָז איבערגעגעבן אין רישות פון דער נאַטור...

אויפן וועג צוריק האָבן זיי נאָך אַלץ געשוויגן. סוזען האָט זיך איינגעטוליעט אין לעאָנס ברוסט, וואָס איז אַצינד געווען אי זאַמדיק, אי געזאַלצן, און פול מיט מענערישן אומרו. צומאַכנדיק די אויגן האָט זי דערזען, ווי פון אַ שרייב־מאַשין קלאַווישן נעמען אַרויסשפּרינגען בוכשטאַבן פול אַ בריוו צו דער מאַמען:

„ער איז אַ נאָענטער פריינד פון די איסאַקאָווס. ער טרייבט אַפילו זייער קאַר. נאָר וואָס גראַדואירט און ער וועט זיין אַן אַדוואָקאַט. יאָ — אַ יידישער בחור, וועלכער וואוינט אין טוראַק... — ענדלעך וועט זי געבן דער מאַמען אַ גרונט אויף האָפענונגען. — ער איז מאַן דורך און דורך" — זענען די בוכשטאַבן אַרויסגעפּרונגען. ניין — אויסמעקן. דאָס דאַרף די מאַמע נישט וויסן. דאָס איז איר פּערזענלעכע דערפאַרונג. „וועסט אים באַקענען, אַזוי שנעל ווי מירן זיך צוריקקערן. ער איז אַן ערנסטער בחור מיט נייגונגען צו פּערמאַנענטקייט".

צופרידן מיט זיך, האָט זי אַ שמייכל געטאָן:

— מיט עפּעס האָב איך אויך דערצו צוגעהאָלפן...

געפּרווט אויסמיידן דעם שטורעם וואָס נעמט אַנוואַקסן.
אָבער נישט תמיד איז עס געלונגען.

צו להכעיס די עלטערן, האָט סוזען געשריגן, אַז אַן אוניווערסיטעט איז אַן אָרט פון קולטור און בילדונג און נישט קיין אַזירע אין וועלכער עס שווימען אַרום דאָקטוירים און אינזשיניערן; אַז זיי זענען „אָלד קאַנטרי פּיפּל", פּרימיטיוו, וואָס ביי זיי איז אַ פרוי נישט מער ווי דער וואָרעם נאָך וועלכן אַ פיש יאָגט זיך און שלינגט אים אַראָפּ צוזאַמען מיטן שטאָלענעם האָק; אַז זיי קוקן אויף איר ווי אויף אַן אָביעקט פון רעפּראָדוקציע; אַז זי איז נישט קיין הון וואָס איז באַשאַפן געוואָרן נאָר צוליב דעם, זי זאָל לייגן אייער... אַז —

און נישט געפינענדיק גענוג ווערטער זיי ווי צו טאָן, איז זי זיך פאַרגאַנגען אין אַ געוויין. נאָך אַזאַ קאָנפראָנטאַציע (אַזוי האָט סוזען באַצייכנט אירע צוזאַמענשטויסן מיט די עלטערן) האָט זי נאָכהער טעג נישט גערעדט צו די עלטערן. עס האָבן איר געמאַטערט פּראָבלעמען וועלכע דער שטורעם האָט אַרויסגעבראַכט אויף דער אויבערפלאַך. פאַרדרוס האָבן פאַרשאַפט די בחורים, מיט וועלכע זי איז אָפט אַרויסגעגאַנגען, פאַרבראַכט מיט זיי, געזעסן איינגעטוליעט ביז האַלבע נאַכט אין דער טונקלקייט פון אויטאָ און זיי זענען ווי אויסגערונען, אָן איבערלאָזן אַפילו אַ שיין פון אַ האָפענונג. עס האָט איר ווי געטאָן וואָס זי פאַרשאַפט צער די עלטערן, צו וועלכע זי האָט געהאַט וואַרעמע געפילן, און וואָלט אַלץ געטאָן זיי צו ברענגען אַ ביסל פרייד, וואָס זיי אַליין האָבן געהאַט אַזוי ווייניק אין זייער לעבן. נישט נאָר האָט זי געוווּסט וואָס די עלטערן האָבן דורכגעלעבט אין די מלחמה־יאָרן, אַפילו שוין אין אויסטראַליע איז עס פאַר זיי אַ שווערער געראַנגל.

אין זיך אַליין איז זי אויך געווען אַנטוישט. טייל מאָל האָט אַ געפיל פון פּאַניק זי אַרומגעכאַפּט, אַז זי בלייבט אויסן, ווי אַן איבעריקע, אַן אומנוציקע. נאָך אַלעמען — איז זי שוין אַלט געוואָרן 23 יאָר.

אַנשטאָט די עלטערע, רואיקע פישער־לייט, האָבן אין דערבייאיקן צימער זיך צופעליק אָפּגעשטעלט עטלעכע בחורים, ווייזט אויס סטודענטן, וואָס זענען, ווי זי, נאָר וואָס פון אוניווערסיטעט אַרויסגעשפּרונגען אין דער פרייהייט אַריין. זי האָט געהערט זייערע לידער, דעם מעטאַלענעם קלאַנג וואָס האָט באַגלייט דאָס אויפמאַכן פון ביר־קענדלעך — זיי זענען אַריינגעדרונגען אין איר אומרואיקן שלאָף, זיך געפּלאָנטערט אין אירע חלומות, וועלכע זי האָט געחלומט האַלב־וואַך...

זי איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר פון מאָטעלצימער און געלאָזט דעם ווינטל זיך שפּילן מיט אירע נאָך נישט פאַרקעמטע האָר, מיט די פּאָלעס פון איר לייכטן מאָרגן־ראָק, און קוקנדיק דעם יונג־צעשטראַלטן פרימאָרגן אין די אויגן אַריין, האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז דאָס ביינאַכטיקע איז געווען איינער פון די קאָשמאַרן וועלכע זי האָט געהאָפט איבערצולאָזן אין שטאָט.

ביסלעכווייז האָבן אירע אויגן זיך גענומען צוגעווינען צו דער שאַרפער ליכט. ערשט דאַן האָט זי באַמערקט, אַז נישט ווייט פון דער שכנותדיקער טיר שטייט אַ העלבלויער אויטאָ, וואָס לויט זיינע פאָרמען דאַרף ער זיין אַן אויסלענדישער, און דאַרף באַטרעפן אַ היפּשע מטבע. דער מאָטאָר־צודעק איז געווען אָפן און אַלץ וואָס זי האָט געקאָנט זען איז אַ פּאָר פעסטע, האָר־באַוואַקסענע, מוסקולירטע מענערישע פיס אין קורצע ספּאָרט־הויזלעך און אַ ברוינעם אָפּגעברענטן רוקן. דער קאָפּ איז וואַרשיינלעך געווען פאַרטאָן אין מאָטאָר, און לויט די באַוועגונגען פון קערפּער האָט זי פאַרשטאַנען, אַז עפּעס טוט זיך דאָרטן אינעווייניק. זי האָט געפּרווט זיך פאָרשטעלן ווי די אַנדערע טיילן פון אָט דעם מענטשן זעען אויס אין זייער גאַנצקייט. דער מענטש האָט איר נישט געגעבן קיין צו פיל צייט פאַר איר אַנאַטאָמישער קאָמפּאָזיציע. ער האָט זיך אויסגעגלייכט און ווייזט אויס באַפרידיקט זיין נייגעריקייט אַז דער מאָטאָר איז פון גוטער קוואַליטעט און צוזאַמענגעשטעלט מיט מעכאַנישער דערפאַרונג, האָט ער אַרונטערגעלאָזן דעם צודעק, וועלכער האָט זיך אויטאָמאַטיש צוגעשלאָסן פון אינעווייניק. איבערצייגט אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, האָט ער זיך פאַרנומען אויפן וועג צוריק אין זיין צימער, וואו חברה האָבן פאַרבראַכט די נאַכט, און איז שטיין געבליבן אין פאַרלעגנהייט. עס איז פאַר אים געווען אומפאַרשטענדלעך ווי אַזוי עס קומט מיט אַ מאָל אַ מיידל אין דער אָפענער טיר, וואָס האָט אים אויסגעזען צו זיין זייער צימער. צו ערשט איז אים איינגעפאַלן, אַז דאָס איז אַ האַלוצינאַציע, דער רעזולטאַט פון די אַלע קענדלעך ביר וואָס זיי האָבן אויסגעטרונקען די נאַכט, באַגלייט מיט געשיכטעס וואָס קאָנען אינספּירירן די וויזיע פון אַ שיין מיידל וואָס פאַלט ממש פון הימל אַראָפּ. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, צו פאַרטרייבן דעם מיראַזש וואָס שווימט ווי אַ נעפּל פאַר זיינע אויגן. אַז ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן און דאָס מיידל איז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַר דער טיר, האָט ער פאַרשטאַנען אַז דאָס מוז זיין אַ שכנה פון איבער דער וואַנט. גלייכצייטיק האָט ער פאַרשטאַנען אַז פון קיין צו פיל שלאָף האָט זי די פאַרגאַנגענע נאַכט נישט געקאָנט געניסן.

סוזען האָט נאָכגעקוקט דעם בחור. עס איז געווען אַ שוואַרצער, קוטשעראַוועער קאָפּ, מיט אַ מוסקולירטן ברוסט־קאַסטן, היפּשלעך באַוואַקסן, וואָס האָט עדות געזאָגט אַז דער בחור גיט אָפּ אַ סך צייט פאַר ספּאָרט־איבונגען.

זיין פאַרלעגנהייט האָט געדויערט בלויז אַ רגע.

— איך מוז זיך אַנטשולדיקן פאַר דער פאַרגאַנגענער נאַכט. מיר האָבן געגלויבט אַז דער צימער נעבן אונדז איז פריי. נאָך אַלעמען, פאַרשטיי אַליין, מיר האָבן די וואָך פאַרענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט און עס ווילט זיך אַ ביסל צעשטרייען פון די נודנע קאָדעקסן און פּאַראַ־

קאַפּע האַלטן נישט פון איר: נישט מען קומט צו די שיפן און נישט מען שאַפט „דזשאָבס"...

האָב איך געטראַכט: וואָס האָב איך דאָ צו פאַרלירן, אַז דאָס איז שוין די זיבעטע וואָך פון מיין זוכן אַרבעט. בין איך אַהין אַריין. דאָרט איז געזעסן אַ מענטש איינער אַליין, מיט גרוילעכע האָר און אַ גרויען פּנים. דאָס איז געווען דער סעקרעטאַר, בר־כהן. מיר האָבן זיך פאַנאַנדערגערעדט. דאָס איז געווען אַ פאָלקס־מענטש מיט קולטור און פריינטלעכן צוגאַנג צו מענטשלעכע פּראָבלעמען. צום סוף זאָגט ער מיר: מר. בורשטין, קומט אַריין מאָרגן אין אָפיס, איך האָף צו האָבן עפּעס פאַר אייך.

אויף מאָרגן איז שוין מיטן סעקרעטאַר געזעסן איינער פון די אָנפירערס פון דער אינסטיטוציע. ער האָט שוין וועגן מיר אַלץ געוואוסט, זאָגט ער צו מיר:

— איר ווייסט דאָך אַז אין לאַנד הערשט אַ גרויסע אַרבעטלאָזיקייט; אַז איך זאָל אייך אַריינעמען צו מיר אין פאַבריק, מוז איך דאָך אָן אַנדערן, אַן אויסטראַלישן אַרבעטער אָפּזאָגן; צווייטנס, קענט איר נישט דאָס פאַך. דאָ אין אויסטראַליע איז פאַראַן אַ געזעץ, אַז אויב מען נעמט צו אַן אַרבעטער מוז מען אים גלייך צאָלן די פולע „ווייִדזשעס", איז ווי אַזוי קען איך אייך צאָלן די גאַנצע סומע, אַז מען דאַרף אייך איצט דאָס פאַך לערנען?

אויף דעם האָב איך געענטפערט, אַז איך וואָלט נישט געוואָלט מען זאָל עמיצן אָפּזאָגן און אויף זיין אָרט מיך צונעמען. אָבער וועגן צווייטן ענין בין איך גרייט צו אַרבעטן פאַר אַ ווייִדזש וואָס איך וועל ווערט זיין. וואָס שייך דעם געזעץ, קענט איר רואיק זיין, איך וועל אייך קיין עגמת־נפש נישט פאַרשאַפן. איר קענט דאָך מיך.

אויף דעם :איז געקומען אַן ענטפער: די צרה איז וואָס איך קען אייך נישט.

מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט די קאָנפראָנטאַציע.

אָבער אויף מאָרגן האָט מיר בר־כהן געלאָזט וויסן, אַז דער זעלבער פאַבריקאַנט האָט זיך מישב געווען און נעמט מיך אַריין אין זיין פאַבריק.

איך אַ וואָך אַרום האָב איך אָפּגענומען מיין ערשטן וואָכן־לוין, פון וועלכן איך האָב אַ העלפט גלייך אַהיים־געשיקט.

ביים שרייבן די שורות גיי איך שוין אַריין אין אַכטן יאָר־צענדלינג פון מיין לעבן. אין משך פון אַזאַ צייט־אָפּשניט לעבט אַ מענטש דורך פאַרשידענע מאָמענטן: געהויבענע און דערשלאָגענע, פרייד און צער. דער טאָג פון באַקומען מיין ערשט „בייטעלע" פון צוויי פונט איז געווען איינער פון די גליקלעכסטע טעג פון מיין לעבן.

## צופעליק...

**מ. אייזענבוד**

דערציילונג

סוזען איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר פון מאָטעל־צימער. אירע אויגן האָבן זיך קעציש געזשמורעט אַנטקעגן דעם זוניק־צעשפּילטן פרימאָרגן. אַ לייכט ווינטל האָט זיך געשפּילט מיט איר לויזן שלאָף־ראָק און שקאַציש אַרונטערגעקוקט, כדי זיך איבערצייגן אַז דאָס איז די אייגענע סוזען, וואָס איז אַ ווילע פריער געלעגן אויפן בעט, איינגעהילט אין אירע לאַנגע, רויט־צעפּינקלטע האָר וואָס האָבן געלויכטן ווי אָפּגעפּאָלירטער קופּער. דאָס בעט, וואָס האָט אייגנטלעך געדאַרפט דינען ווי אַן אָרט פון אָפּרו און אַנטרינונג פון לעבן; אַן אָרט וואָס העלפט אַנטשפּאַנען די נערוון; מען קאָן אויך אויסוועבן פאַנטאַזיעס און אַפילו זיי באַפרידיקן, איינגעוויקלט אין שלאָף — דאָס בעט האָט אויף זיך געטראָגן סימנים פון נאַכטיקע אומרואיקע און קאָשמאַרנע ראַנגלעניש, אין וועלכע דער קערפּער איז געווען פאַרוויקלט — מיט זיך אַליין.

זי האָט קוים געקאָנט אָן אויג צומאַכן די נאַכט אין דעם מאָטעל, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ פאַרוואָרפן דאָרף, ווייט פון די הויפּט־וועגן. דאָס אָרט ווערט מערסטנס באַנוצט פון איינזאַמע, אָפּגעזונדערטע מענטשן, וואָס קומען אַהער אויסלאָדן זייער ענערגיע, זיצנדיק שעהן אין אַ פישער־שיפל, אַ וואַנדקע אין דער האַנט און מיט דער איינציקער האָפענונג, אַז אַ פישל וועט פאַרט נעמען ניבלען דעם וואָרעם, וועלכער הענגט אויפן דריי־שפּיציקן האָק.

אַהער האָט זי זיך פאַרקליבן, כדי אַוועק פון דער שטאָט, וואו זי האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט דאָס דריטע יאָר אוניווערסיטעט; פון אירע עלטערן, וועלכע האָבן געהאַט אַ זייטיקן מיין אין איר אוניווערסיטעט־שטודיום, וואָס קערט זיך מיט בילדונג גאָר נישט אָן. מיט מאַמישער איינפאַכקייט און פאַרטרויאונג האָט מען עס איר געלאָזט וויסן:

— אַן אוניווערסיטעט פאַר אַ מיידל איז דאָס אָרט, וואו מען קאָן באַקענען אַ לייטישן יידישן בחור. פון דאָרטן קומען דאָך אַרויס די דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן — געבילדעטע יונגע לייט, וואָס קאָנען פאַרזאָרגן אַ פרוי מיט אַ רואיקער היים.

סוזען האָט אָנגעשטעלט אויף דער מאַמען אַ פּאָר נאַאיווע אויגן, ווי די מאַמע וואָלט גערעדט וועגן אַן ענין וואָס איז נישט צום באַגרייפן, און אַלייך האָט זי מיט אַלע כוחות איינגעהאַלטן איר שאַרפע צונג, זי זאָל דער מאַמען נישט באַהאַגלען מיט רייד, וואָס וועלן ביידע נאָכהער ווי טאָן.

— נו, און? — האָט זי דעריבער אַ פרעג געטאָן.

— דאַרף מען נישט אַריינקוקן צו פיל אין די ביכלעך, נאָר האָבן די אויגן אָפן... — האָט אויך די מאַמע

יאָ, אַלע בריקן אויף צוריק זענען פאַרברענט. איך האָב געהאַט אַ גרונט אַזוי צו טראַכטן. און אַט פאַר וואָס.

דער באַשלוס פון אונדז, ד.ה. פון פייגען און מיר צו עמיגרירן איז נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט. מיר האָבן זיך לאַנג געראַנגלט מיטן דאָזיקן געדאַנק. מיר האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן פוילן צו וועלכער מיר האָבן געהאַט אַזוי פיל צוגעבונדנקייט, איינגעזאַפּט אין זיך די קולטור פון מיצקעוויטשן און סלאָוואַצקין, מיט-געפילט דעם טראַגישן גורל פון דער פוילישער געשיכטע. הונדערטער יאָרן פון יידישער איינגעוואָרצלטקייט אין פוילן. ניין, מיר האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס לאַנד. האָבן מיר אַלץ געטאָן צו קענען בלייבן און בויען אונדזער פאַמיליע-היים.

ווען פייגע האָט פאַרענדיקט די מיטל-שול מיט מאַטורע האָט זי געטראַכט צו ווערן אַ לערערין. כדי דאָס צו דערגרייכן האָט זי געדאַרפט דורכמאַכן אַ פּעדאַגאָגישן דערגענצונגס-קורס. זי האָט אַוועקגעשיקט אַ אַ ביטע צו דעם דעפּאַרטאַמענט, אונטערגעשריבן — פּעליציאַ באַרשטשעווסקאַ. אירס אַ פוילישע באַקאַנטע, וועלכע האָט אויך פאַרענדיקט די זעלבע גימנאַזיע האָט אויך אַוועקגעשיקט אַזאַ ביטע. ביידע האָבן געקראָגן ענטפערס, אַז מען האָט זיי פאַררעגיסטרירט אויף דעם קורס, אָבער עס מוזן צוגעשיקט ווערן געבורט-שיינען און אויך אַנדערע דאָקומענטן. דער רעזולטאַט — דאָס פוילישע מיידל האָט מען אַקצעפּטירט, פייגען האָט מען צוריקגעשיקט די דאָקומענטן. מיר האָבן פאַרשטאַנען די סיבה: אויף דעם געבורט-שיין איז דער נאָמען געווען — פייגע רבקה באַרשטש. אַ זשידוואָ, אַ יידישקע...

מיינע פּערספּעקטיוון זענען אויך נישט געווען קיין בעסערע. מייך געבורט-שטעטל מאַקאָוו האָט געהאַט אַ גרעסערע יידישע באַפעלקערונג ווי די פוילישע. יידן האָבן געהאַט אַ גרעסערע צאָל ראַטמענער אין שטאָט-ראַט. דער „בונד" איז דאָרטן געווען זייער שטאַרק פאַרטרעטן. האָט מען זיך באַמיט פאַר מיר צו באַקומען אַ פּאָסטן אין דער אַדמיניסטראַציע פון מאַקאָווער מאַגיסטראַט. מען האָט נישט אָפּגעזאָגט, אָבער מ'האָט עס קיין מאָל נישט אויסגעפירט.

דאָס זעלבע מזל האָב איך געהאַט אין דער קראַנקן-קאַסע. דאָרטן האָט געהערשט די פּ.פּ.ס., די פוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. די באַציאונגען צווישן „בונד" און פּ.פּ.ס. זענען געווען פריינטלעכע, האָט מען אויך דאָ זיך באַמיט איך זאָל באַקומען אַרבעט. צוגעזאָגט און דערביי איז עס געבליבן...

נאָך אַן עפּיזאָד וויל איך פאַרצייכענען: עס איז געווען האַרט פאַר מיר פאַרלאָזן פוילן. איך האָב געדאַרפט פאָרן קיין וואַרשע נאָך מיין וויזע. בין איך געגאַנגען צו אַ פאַרזאַמלונג פון דער פּאַרטיי. ס'איז שוין געווען טונקל, אין אָוונט. עס זענען מיר אַנטקעגנגעקומען צוויי דערוואַקסענע פוילישע בחורים. איך האָב זיי דערקענט, דאָס זענען געווען צוויי שילער פון אַ ייִנגערן קלאַס גימנאַזיע, אין וועלכער איך האָב פריער געלערנט. אויך זיי האָבן מיך דערקענט. קומענדיק נעענטער האָבן זיי אַ זאָג געטאָן: „אַ. בורשטין פּיטאַגאָראַס", און איינער האָט מיר מיט דער פויסט אַ זעץ געטאָן אין פּנים. פון שטאַרקן קלאַפּ האָב איך פאַרלוירן די גלייכגעוויכט און בין אומגעפאַלן. אַז איך האָב זיך אויפגעהויבן זענען זיי שוין נישט געווען. מיינע ברילן זענען געלעגן אויף דער ערד און געפילט האָב איך אַ שטאַרקן ווייטיק אין אַ פינגער, וועלכער איז געוואָרן באַשעדיקט בעתן אומפאַלן (דעם צונאָמען „פּיטאַגאָראַס" האָב איך באַקומען אין דער גימנאַזיע, ווייל כ'האָב געהאַט אַ שם פון אַ גוטן מאַטעמאַטיקער).

איך האָב זיי דאָס נישט געוואָלט שענקען. בין איך אַוועק צום דירעקטאָר פון דער גימנאַזיע. עס איז שוין נישט געווען דער דירעקטאָר פון מיינע צייטן. האָב איך זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט און דערציילט די גאַנצע געשיכטע. ער האָט מיך אויסגעהערט זייער רויק. אָבער ער האָט מיט גאָר נישט רעאַגירט צו געבן מיר אַ שטיקל סאַטיספאַקציע. די צוויי חברה-לייט האָבן מיך געזען אַריינגיין צום דירעקטאָר. אין צווישן-צייט האָבן זיי מאָביליזירט אַ גאַנצע באַנדע. ווען איך בין אַרויס פון דירעקטאָרס ביוראָ, האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן צו מיר און מיך אַרומגערינגלט. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז זיי גייען מיך לינטשן. אינסטינקטיוו האָב איך זיך אויסגעדרייט אין דער ריכטונג פון וואַנען איך בין נאָר וואָס אַרויס. דאָרטן איז געשטאַנען דער פוילישער „דערציער" — אויף זיין פּנים האָב איך באַמערקט אַ שמייכל...

די אַלע געשעענישן זענען מיר איצט, אין מיין איינזאַמקייט, צוריק געקומען און האָבן זיך אויסגעמישט מיט די געפילן און שטימונגען פון מיין פאַרצווייפלטער לאַגע. דאָך האָב איך זיך נישט אונטערגעגעבן און פעסט באַשלאָסן נישט אויפצוגעבן די האָפענונג.

כדי לייכטער צו מאַכן די שטימונג, פלעג איך זיך אַריינכאַפּן בייטאָג אין די ראַדיאָ-סטאַציעס דריי-על-אַ און דריי-אַ-ר וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אויף ראַסל סטריט, סיטי. דאָרטן פלעגט מען געבן ראַדיאָ-קאָנצערטן נישט פון פליטן, נאָר פון אַרטיסטן, לעבעדיקע מענטשן. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ געוואַלדיקע באַפרידיקונג, סיי צו באַרואיקן מיינע צעשרויפטע נערוון, סיי אַ ביסל צייט-פאַרטרייב און טאַקע אויך הנאה צו האָבן פון מוזיק.

דערווייל בין איך געוואָר געוואָרן אַז נישט ווייט פון דער ליפּסקי-קאַפע, איין מינוט גאַנג, נומער 313, אין קאַרלטאָן, געפינט זיך אַ יידישע אינסטיטוציע, וואָס רופט זיך „וועלקאָם סאָסייטי". די אויפגאַבע פון דער סאָסייטי איז אויפצונעמען נייע עמיגראַנטן, אַראָפּנעמען זיי פון די שיפן און שאַפן פאַר זיי אַרבעט. איז דאָך דאָס אַ וואונ-דערבאַרע אינסטיטוציע. אָבער מיינע מיטגעסט פון דער

טעלעגראַמע. אָבער אַזוי ווי אין צווישן־צייט האָט מיין באַקאַנטער באַקומען אַ פּאָסטן אין מעלבורן, גיט ער מיר די טעלעגראַמע איך זאָל פאָרן.

איך האָב נישט געטראַכט קיין צוויי מינוט און דעם פאָרשלאַג אַקצעפּטירט.

גיין דערציילן, ווי אַזוי איך, אַ גרינער, אָן אַ שפּראַך, בין געפאָרן אין דער אויסטראַלישער ווייטקייט און גרויקייט, וואָלט דאָס צו ווייט פאַרפירט. גענוג צו זאָגן, אַז ווען איך בין אָנגעקומען אויף דער דאָרפישער באַן־סטאַציע, פאַרוואָרפן ערגעץ אין אַן עק אויף דער אויסטראַלישער מאַפּע, האָט מיך אָפּגעוואַרט אַ מיטל־יאָריקער סימפּאַטישער מענטש מיט זיין אויטאָ.

מיין נייער באַלעבאָס האָט גלייך געזען וואָס פאַר אַ תכשיט ער האָט זיך איינגעשאַנצט, אַז באַלד ביים ערשטן שלום־עליכם האָט זיין פּראָלעטאַריער נישט פאַרשטאַנען וואָס מען רעדט צו אים, וואָרום קיין ענגליש האָב איך נישט געקענט און יידיש האָט ער נישט גערעדט... אַזוי איז מען געפאָרן אין זיין אויטאָ צוויי שטומע, אָדער צוויי צעקריגטע, ברוגזע, וואָס רעדן נישט צווישן זיך...

ער האָט מיך געבראַכט אין זיין הויז, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן פון דער פאַרם. מיילן ווייט האָט מען ערשט געקאָנט באַמערקן ענלעכע הייזער וואָס זענען געווען די צענטראַלע פונקטן פון יעדער פאַרם. אַזוי זעט אויס די ווירקלעכקייט פון דער אויסטראַלישער לאַנדווירטשאַפט, מען איז איזאָלירט, צעוואָרפן איבער ווייטע שטחים. דאָס האָט געדאַרפט ווערן מיין נייער פלאַץ אין דער נישט קלאָרער צוקונפט. אָבער אין דעם מאָמענט האָב איך וועגן דעם נישט געטראַכט. דער עיקר איז געווען מיין צופרידנקייט וואָס נאָך אַזוי פיל וואָכן אַרומדרייען זיך, האָב איך ענדלעך באַקומען אַן אַרבעט־פּלאַץ.

קיין פאַמיליע האָט ער נישט געהאַט, ער איז געווען אַליין. מסתמא האָט ער געטראַכט, אַז ביים אַרייננעמען אַן אַרבעטער פון דער שטאָט, וועט ער נישט זיין אַזוי איינזאַם. ער האָט אָבער נישט אַרויסגעוויזן קיין סימן פון פאַרדרוס אָדער אַנטוישונג. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסע מאָס העפלעכקייט, פריינטשאַפט און געדולד. ער האָט געגרייט אָוונט־ברויט און מיר האָבן געגעסן צוזאַמען. אין דער שטילקייט האָט מען געקענט הערן דעם אַפּעטיט פון ביידע...

נאָכן עסן האָב איך אים געוואָלט באַווייזן, אַז איך בין נישט אַזאַ תם, אָדער אַ לא־יוצלח, האָב איך אַרויסגענומען מיין שאַך, וואָס איך האָב מיט זיך מיטגענומען, און אויף שטום־לשון אים געפרעגט, צי ער קען שפּילן שאַך. ער האָט מיר געענטפערט „נאָ". דאָס האָב איך פאַרשטאַנען... צי קען ער דאַמקע — אויך נישט. דעמאָלט האָב איך אים געוויזן פאַרשידענע שפּילערייען וואָס מען קען אויספירן אויפן שאַך־ברעט. דאָס איז אים זייער געפעלן. ער האָט אַרויסגעוויזן אינטערעס צו דעם. און אפשר האָט ער געמאַכט אַזאַ אָנשטעל אַרויסצווייזן העפלעכקייט? יעדעס מאָל האָט ער געמאַכט אַזאַ מינע ווי איך וואָלט אַנטדעקט אַמעריקע. מיר האָבן אַזוי פאַרבראַכט איניקע שעה ביז שפּעט אין אָוונט.

אויף מאָרגן אין דער פרי, נאָכן פרישטיק, האָב איך באַמערקט ביי מיין באַלעבאָס אַ געוויסע אומרואיקייט. ער האָט מיך אַרויסגעפירט אין דרויסן, געגעבן מיר אַ האַק צו צעהאַקן דאָס האָלץ וואָס איז געווען אָנגעוואָרפן אַ שפּאָר ביסל אין אַ בערגל, און אַליין איז ער אַוועק מיט זיין אויטאָ אין שטעטל. אַזוי ווי איך האָב נישט געהאַט קיין אַרבעטס־הויזן (אָוועראָלס), איז אין דעם אויבער־העמד מיט די מאַנזשעטן און ספּינקעס האָב איך צעהאַקט דאָס גאַנצע האָלץ. אין דעם קאַלטן ווינטער־פרימאָרגן האָב איך זיך גוט דערוואַרעמט...

ווען איך האָב מיין אַרבעט פאַרענדיקט, דאָס האָלץ צעהאַקט, און מיין באַלעבאָס איז נאָך אַלץ נישט געווען צוריק, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט שרייבן אַ בריוו צו פייגען, דערציילן איר וואו איך געפין זיך, אַז דאָס איז האָט זיך ענדלעך אַ ריר געטאָן; אַז איך האָב באַקומען אַרבעט און איך האָף אַז פון היינט אָן זענען די פּערספּעקטיוון גוטע.

אָבער אין מיטן פון מיין פאַנאַנדערשרייבן זיך האָב איך דערהערט דאָס גערויש פון אויטאָ. מיט אימפּעט איז מיין באַלעבאָס אַריין און מיר דערלאַנגט אַ באַן־בילעט קיין מעלבורן, צוי אויך געלט פאַר אַ טאָג אַרבעט; געהייסן איך זאָל שוין נעמען מיינע זאַכן, ווייל די באַן פאָרט אין קורצן אָפּ. אויף מיין גרויסער שטוינונג — וואָס איז געשען, האָט ער מיר געענטפערט קורץ און זאַכלעך: מיר קענען זיך נישט פאַרשטענדיקן, איך קען דיך נישט פאַרשטיין און דו קענסט מיך נישט פאַרשטיין. דאָס האָב איך שוין זייער גוט פאַרשטאַנען...

מיט וואָס פאַר אַ שטימונגען און געפילן איך בין געפאָרן צוריק קיין מעלבורן, קאָן דער לייענער אַליין זיך פאָרשטעלן. איך האָב זיך צוריקגעקערט אין אָוונט צו דער זעלבער ליפּסקי־קאַפע. ווען די חברה, די שטענדיקע איינגייער, האָבן מיך דערזען, האָבן זיי אויפגעהויבן זייערע אויגן מיט פאַרוואונדערונג: וואָס איז געשען?

אַ צעבראָכענער בין איך אַריין אין מיין צימער. עס איז שוין געווען די זעקסטע וואָך פון מיין זיין אין אויסטראַליע און אויסזיכטן אויף אַרבעט זענען דערווייל געווען האָפענונגסלאָז. פון דעם פּראָיעקט צו פאָרן קיין בערוויק האָב איך זיך צוריקגעצויגן. דאָס פאָרן אויף דער פאַרם האָט מיר געגעבן אַ ביטערע לעקציע. פון די פופציק פונט צו וויזן האָב איך פערציק פונט גלייך אַהיימגעשיקט און פון דער רעשט, פון וועלכער איך האָב געדאַרפט לעבן, איז שוין קיין סך נישט געבליבן. מינימום איין פונט אַ וואָך האָב איך געהאַט אויסגעגעבן. דאָך האָט זיך ביי מיר פאַרפעסטיקט דער געדאַנק: אַלע בריקן אויף צוריק זענען פאַרברענט.

פרוכט־רייסן אין שעפּערטאָן. דאָס איז אַ שטעטל איבער הונדערט מייל פון מעלבורן, וואו אַ צענדלינג יידישע פאַמיליעס האָבן זיך באַזעצט און קולטיווירט פרוכט־פאַרמעריי. אין די חדשים פעברואַר, מערץ, אַפּריל פאַלט אויס דער סעזאָן. די פרוכטן דאַרף מען שנעל אַראָפּנעמען פון דיביימער און סעזאָן־אַרבעטער זענען זייער נויטיק. פלעגן פיל פון די נייע עמיגראַנטן אַהין אַוועקפאָרן און טאַקע גוט פאַרדינען.

אָבער אַזוי ווי איך האָב פאַרשפּעטיקט, האָבן זיי מיך גערעטן אָנצוהויבן „האָקן". אין אַמעריקע הייסט דאָס „פּעדלען". דאָס איז זייער אַ „לייכטע" אַרבעט, האָבן זיי מיך געלערנט. מען נעמט אַ וואַליזע מיט פאַרשידענע גאַלאַנטעריע־סחורות: זיידענע זאָקן, אונטערוועש, פּודער, נאָדלען, שפּילקעס, און מען לאָזט זיך מיט דעם איבער די הייזער. מען כאַפּט דעם ערשטן בעסטן טראַמוויי און מען פאָרט אַרויס מיט דער סחורה ווייטער פון שטאָט. מען קלאַפּט אָן אין דער ערשטער בעסטער טיר, און ווען די באַלעבאָסטע עפנט איר, שטעלט מען גלייך אַריין אַ פוס, כדי זי זאָל איר נישט קענען צומאַכן. מען פּראַלט אויף די וואַליזע און דאָס געשעפט איז אָפן. מען דאַרף נישט קענען די שפּראַך, מען מאַכט שוין אַזוי מיט די הענט. ביז די באַלעבאָסטע האָט אויף איך רחמנות און קויפט עפּעס. יעדער איינער פון די האָקערס האָט זיך באַרימט, אַז ער מאַכט גלענצענדע געשעפטן.

אָבער די בעטלער־פּרנסה האָט צו מיר נישט אַפּעלירט.

נאָך פאָרנדיק אויף דער שיף האָט מען געזאָגט, אַז דאָס בעסטע פאַך איז שניידעריי, עס איז אַזוי גוט, אַז מען רופט אַ שניידער „פּראָפעסאָר". מינימום פאַרדינט מען פינף פונט אַ וואָך. פאַר יענער צייט איז דאָס געווען אַ גרויסע מטבע. איינער אַ שניידער, וואָס איז געפאָרן מיט אונדז פון פּאַריז, איז געווען אַן ערשט־קלאַסיקער פאַכמאַן, האָט מיט שטאָלץ צוריקגעוואָרפן דעם פּרייז:

— וואָס, איך וועל גיין אַרבעטן פאַר פינף פונטלעך?

איך בין געווען גרייט צו גיין אַרבעטן אַלס שניידער־מאַשיניסט. קיין גרויסע קענטענישן האָט מען נישט באַדאַרפט. די אַרבעט איז געווען ראַציאָנאַליזירט, אַ ביסל נייען אויף אַ מאַשין האָב איך געקענט און די רעשט וועט מען זיך צולערנען. עס האָט אָבער געהערשט אַ גרויסע אַרבעטלאָזיקייט אויך אין דעם פאַך און פיל יידישע שניידער האָט מען געטראָפן אין דער קאַפע וועלכע האָבן געזוכט אַרבעט. דער פאַריזער „פּראָפעסאָר", וועלכער האָט אויף דער שיף אָפּגעוואָרפן די פינף פונטלעך, האָט נעבעך געמוזט פאַרלאָזן מעלבורן און צוריקפאָרן קיין פראַנקרייך.

אין דער ליפּסקי־קאַפע האָב איך אויך געטראָפן דעם שפּעטער באַקאַנטן אינדוסטריעלער און וויכטיקן קולטור־געזעלשאַפטלעכן טוער לעאָ פינק. מיר האָבן זיך פאַנאַנדערגערעדט און איך האָב אים דערציילט מיין לאַגע. האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער קומט איצט פון אַ פאַרם־שטעטל, בערוויק, 25 מייל פון מעלבורן. די אויסטראַלישע רעגירונג האָט דאָרטן געשאַפן קליינע קאָלאָניזאַציע־„סעטלמענטס" פון אַ דרייסיק אַקער לאַנד, פאַרזען אויך מיט אַ הויז. דאָס זענען קליינע לאַנד־ווירטשאַפטן נישט פאַר ווייץ, פאַר וועלכע מען דאַרף האָבן טראַקטאָרן, נאָר פאַר גרינס, מילך און הינער. די אידיי פון דער רעגירונג איז געווען צו באַזאָרגן די צוריק־געקומענע מלחמה־אינוואַלידן. די דאָזיקע סעטלמענטס זענען נישט געווען באַגרענעצט אויסשליסלעך פאַר די דעמאָביליזירטע, נאָר פאַר יעדן וואָס איז גרייט געווען צו קויפן אַזאַ פאַרם פאַר דריי הונדערט פונט. איצט דאַרף מען בלויז פופציק פונט אַלס דעפּאָזיט און די רעשט אויסצוצאָלן אין משך פון יאָרן.

האָבן זיך דאָרטן באַזעצט אַ זעקס יידישע פאַמיליעס און צווישן זיי אויך ער, לעאָ פינק, מיט זיין ברודער. (דער בערוויק־פּראָיעקט האָט זיך נישט פאַרווירקלעכט, ווייל דער באָדן איז נישט געווען צוגעפּאַסט פאַר לאַנדווירטשאַפט). צוגערעדט זיי צו דעם האָט איינער לעאָנאַרד קאַנעווסקי, אַ רוסיש־יידישער עמיגראַנט, וועלכער איז געקומען קיין אויסטראַליע נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער איז געווען באַהערשט פון דער אַמאָליקער רוסישער פאָלקס־באַוועגונג, די נאַראָדניקעס. קאַנעווסקי האָט געהאַלטן, אַז יידן דאַרפן זיך נישט באַשעפטיקן מיט לופט־פּרנסות, נאָר מיט פיזישער פּראָדוקטיווער אַרבעט. לעאָ פינק האָט מיט אים מסכים געווען. ער ראַט מיך, אַז איך זאָל זיך באַגעגענען מיט קאַנעווסקין. גערעדט און געטאָן.

בין איך אַוועק צו דעם דאָזיקן אידעאַליסטישן רוסיש־יידישן אינטעליגענט. ער האָט מיך פיין אויפגענומען, געווען זייער אויפמערקזאַם און רואיק צו מיין ענטוזיאַזם. ער האָט מיך געפאָרשט, פונקט ווי אַ רב, צו וועמען איינער קומט זיך מגייר זיין. צי בין איך פּסיכיש און פיזיש צו דעם צוגעגרייט? איז דאָס נישט אַ צייטווייליקער אימפּולס? צי וועל איך האָבן אויסדויער? ווען איך האָב אים אויף אַלעם געגעבן אַ פּאָזיטיוון ענטפער, האָט ער מיר געגעבן אַ בריוו צו וועמען איך דאַרף זיך ווענדן, כדי מיין נייער פּלאַן זאָל רעאַליזירט ווערן.

געקומען צוריק אין רעסטאָראַן, האָט מיך דערוואַרט אַ נייער סורפּריז. די שטענדיקע איינוואוינער אין קאַפע האָבן געקענט מיין לאַגע, אַז איך בין פאַרצווייפלט וואָס איך קען נישט באַקומען קיין אַרבעט. איז צו מיר צוגעקומען איינער מיט אַ טעלעגראַמע אין האַנט און זאָגט צו מיר: „בורשטין, איך האָב פאַר אייך אַ „דזשאָב". די געשיכטע פון דעם איז אַזאַ: פונקט ווי איך, האָט ער אויך געזוכט אַרבעט. האָט ער באַמערקט אַן אַנאָנס אין דער אויסטראַלישער פּרעסע, אַז אַ פאַרמער זוכט אַן אַרבעטער פאַר זיין לאַנדווירטשאַפט. האָט ער געשריבן צו אים, אַז ער איז גרייט אָנצונעמען דעם פּאָסטן. אויף דעם איז אָנגעקומען אַ פּאָזיטיווער ענטפער. און דאָס איז טאַקע די

סענדער בורשטין

# די חבלי־לידה פון אַן עמיגראַנט

(אַ קאַפּיטל פון אַ גרעסערער אַרבעט)

דער באַלעבאָס פון מיין „האָטעל" ה' ליפּסקי (דאָס איז דער פאָטער פון שפּעטער באַוואוסטן זשורנאַליסט סעם ליפּסקי) איז שוין געווען אין לאַנד אייניקע יאָר. אויך ער איז געקומען אָן זיין פרוי. אין שטאָט האָבן זיך אַרומגעדרייט הונדערטער עמיגראַנטן, בחורים, ווי אויך חתונה געהאַטע מענער וואָס האָבן איבערגעלאָזט זייערע פרויען און משפחות אין דער היים. זיי האָבן נישט געהאַט וואו אַריינצוקומען, וואו זיך צוזאַמענטרעפן. דער באַלעבאָס מיינער איז געווען אַ גאַנץ ענערגישער און פּעאיקער מענטש, באַהאַוונט אין וועלטלעכע און רעליגיעזע לימודים. האָט ער געדונגען אַן אַלט הויז, אין עק דראַמאָנד און פּאַראַדיי גאַסן אין קאַרלטאָן. אין דער הויך, אויפן ערשטן שטאָק, האָט ער צוגעגרייט צימערן פאַר נייע עמיגראַנטן, און אונטן, אין פראָנט, איינגעאָרדנט אַ רעסטאָראַן. ער פלעגט אַליין קאָכן און סערווירן. קאַפּע ליפּסקי איז געוואָרן אַן אַדרעס, דאָרטן פלעגט זיך טרעפן די גאַנצע עמיגראַציע.

ווי אַזוי איך בין דורכגעשלאָפן די ערשטע נאַכט אין אויסטראַליע וועל איך קיין מאָל נישט פאַרגעסן. איך האָב כמעט נישט צוגעמאַכט קיין אויג. איך בין געקומען אין לאַנד אין מיטן פון אויסטראַלישן ווינטער און נישט געווען צוגעגרייט צום היגן קלימאַט, בפרט אַז אין יענער צייט זענען די צימערן נישט געווען באַהייצט. מיר האָט געציטערט אַ צאָן אין אַ צאָן און מיינע מחשבות זענען געגאַנגען אויף רעדלעך.

אַז איך האָב זיך אויפגעהויבן אין דער פרי נאָך אַ גאַנצער נאַכט נישט שלאָפן, און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, איז מיר געוואָרן נאָך מער קאַלאַמוטנע. איך בין געוואָרן נאָך מער דערשלאָגן און די איינזאַמקייט האָט זיך געלייגט ווי בליי אויף מיין נשמה. איך האָב געזען פאַר זיך ברייטע און לאַנגע גאַסן און זעלטן ווען אַ מענטש דורכגיין. אין דער קאַפּע איז קיינער נישט געווען אַ חוץ דעם באַלעבאָס, וועלכער איז כסדר געווען אין באַוועגונג, געריימט פון נעכטן ביינאַכטיקן טומל.

אין אָוונט אָבער האָב איך שוין דאָרטן געטראָפן אַ היפּשע צאָל פון די נאָרמאַלע געסט. ווער ס'איז געקומען טרינקען אַ קאַווע, עסן אָוונט־ברויט, שפּילן אַ שאַך, אַ דאַמקע, מאַכן אַ קערטל, אָדער גלאַט זיך טרעפן מיט עמיצן. קיינעם פון מיינע שיפס־ברידער האָב איך נישט באַגעגנט. זיי זענען פאַרפאָרן צו זייערע קרובים. די מענטשן זענען געווען פאַר מיר פרעמדע, אומבאַקאַנטע. מען זוכט באַקאַנטשאַפט, מען הערט זיך צו צו שמועסן. די געסט ביי די טישלעך טיילן זיך קעגנזייטיק מיט די באַריכטן פון אַ טאָג אַרבעט, וועגן מסחר, פּרנסה, אויסזיכטן אויף אַ „דזשאָב".

דאָ בין איך געוואָר געוואָרן זאַכן וועגן וועלכע איך האָב אפילו נישט געחלומט. אין לאַנד הערשט אַן עקאָנאָמישער קריזיס, ס'איז פאַראַן אַ גרויסע אַרבעטלאָזיקייט, הונדערטער, טויזנטער מענטשן דרייען זיך אַרום אָן אַרבעט. מענטשן הונגערן.

אַז איך בין אַרויס אין גאַס האָב איך געקאָנט באַמערקן אין די פענצטער פון אַ סך הייזער די אויפשריפט: „טו לעט", מ'האָט מיר אויפגעקלערט דעם טייטש: צום פאַרדינגען. מענטשן האָבן נישט געקאָנט אויסהאַלטן די קאָסטן פון פולע דירה־געלט, האָט מען אַריינגענומען סובלאָקאַטאָרן, אָדער צוויי משפחות האָבן בשותפות זיך געטיילט מיט דער וואוינונג, עס זאָל קאָסטן ביליקער. די גרינע עמיגראַנטן האָבן טאַקע געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקומען אַן אָנשטענדיקן צימער פאַר אַ נישט טייערן אָפּצאָל. אַז מען איז אַוועק אין די מער באַוועגלעכע גאַסן, מיט די געשעפטן, האָט מען געקענט זען פרישע „פּרנסות". אַזוי ווי בעטלען איז לויטן אויסטראַלישן געזעץ פאַרבאָטן, האָבן מענטשן געזוכט אַנדערע מעגלעכקייטן זייער שטיקל ברויט צו פאַרדינען מיט אַ „נאָרמאַלער" אַרבעט. זיי האָבן אויסגעזונגען, אָדער אויסגעשפּילט אויף אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט, פאַרשידענע מעלאָדיעס, אָדער שלאַגערן פון יענער צייט, און גוטע מענטשן האָבן אַריינגעוואָרפן זייער אָפּצאָל אין היטל, וואָס איז געלעגן אין פראָנט פונעם מוזיקער. אַנדערע וועלכע האָבן נישט פאַרמאָגט דעם טאַלאַנט פון אַזעלכע מוזיקער אָדער זינגער, פלעגן גיין אויף די מערק, נישטערן צווישן מיסט און דאָרטן זוכן דעם אָפּפאַל פון גרינסן, ביינער פון פלייש און מיט דעם שטילן זייער הונגער. מיינע אויגן האָבן צוגעזען די בילדער און דאָס האָט נאָך מער אויפגערעגט מיינע אַזוי אויך גענוג אָנגעשטרענגטע נערוון, און נאָך מער טונקעלער געמאַכט מיינע האָפענונגען און פּערספּעקטיוון.

געווען איז עס אין יאָר 1928, ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער גרויסער עקאָנאָמישער קריזיס אין צפון־אַמעריקע און ווי אַ שטורעם־ווינט זיך געלאָזט איבער דער וועלט. דאָס האָט אויך אויסטראַליע נישט אויסגעמיטן.

מיינע פריינד אין קאַפּע, זעענדיק מיין צערודערטקייט און דענערווירונג, האָבן זיך באַמיט מיך צו באַרויִק, אַז די לאַגע איז נישט אַזוי געפערלעך. ס'איז נאָר אַ שאָד וואָס איך בין געקומען מיט אַ זעקס חדשים צו שפּעט, ווייל דאַן וואָלט איך גלייך געקאָנט באַקומען אַרבעט ביי

נישט געליטן אַזוי פיל פון דעם נאַצישן גענאָסיד און גרויזאַמקייט, ווי ווייס־רוסלאַנד, צוליב אירע וועלדער און זומפן איז דאָס געוואָרן דער וויכטיקסטער פלאַץ פון סאָוויעטישן קריג.״

איינשטיין גיט אָן דעם ציפער פון „צוויי מיליאָן צוויי הונדערט טויזנט איינוואוינער — אַ פערטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין דער ווייס־רוסישער רעפּובליק, זענען אומגעבראַכט געוואָרן אַלס רעזולטאַט פון דעם גענאָסיד. צוזאַמען זענען 9,200 דערפער דאָרט פאַרניכטעט געוואָרן במשך פון די דריי יאָר נאַצישער אָקופּאַציע. פון זיי זענען עטלעכע הונדערט פאַרברענט געוואָרן, ווי בכיוונדיקע אַקטן פון טעראָר און גענאָסיד״.

דער מחבר גיט אָפּ אַ גרויסן פּלאַץ די פּאַרטיזאַנער־קאַמפּן אין רוסלאַנד און אין פּוילן, וואָס איז ווערט צו זיין ממש אַ בוך פאַר זיך. ער שרייבט: „די געשיכטע פונעם יידישן אָנטייל אין פּאַרטיזאַנישן קריג אויף דער פּוילישער און סאָוויעטישער טעריטאָריע, קען מען נישט באַ:עמען אַנדערש ווי אין דעם קאָנטעקסט פון דעם פּוילישן און סאָוויעטישן ווידערשטאַנד דורך דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג״.

איינשטיין ציטירט דעם שעף פון דער דייטשער ווער־מאַכט־דעפּאַרטאַמענט און גיט אָן אַ ציפער פון דער צאָל סאָוויעטישע אומגעבראַכטע קריגס־געפאַנגענע, וואָס האָט דערגרייכט 5 מיליאָן

אַ וויכטיקער קאַפּיטל אין איינשטיינס בוך איז דער צושטייער וואָס יידן האָבן געגעבן דער רויטער אַרמיי פון 1918 ביז 1945. פּראָפּאָרציאָנעל, אַן אויסערגעוויינלעכער צאָל פון „גאָר שטאַרק טאַלאַנטירטע קאָמאַנדירן, פון הונדערטער גענעראַלן און הונדערט און פערציק העלדן פון ראַטן־פאַרבאַנד. ווען מען זאָל קאַלקולירן דעם האַלבן מיליאָן יידן, וואָס האָבן געקעמפט אין דער רויטער אַרמיי בעתן צווייטן וועלט־קריג, אין דער פּראָפּאָרציע פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, האָט עס נישט צו זיך קיין גלייכן״.

איך האָב, נאַטירלעך, געקענט נאָר אָנרירן פון אויבן אין געציילטע שורות דעם ריזיקן צונויפגעקליבענעם מאַטעריאַל, וואָס איינשטיין האָט אַרויסגעבראַכט אין די 970 זייטן. עס איז אַ ווערק אויף פאַרשידענע פלאַכן פון פּאָליטישער און היסטאָרישער באַדייטונג און עס דאַרפן דאָס בוך לייענען יידן און נישט־יידן.

1) Stephen Hawes and Ralph White (eds.), "Resistance in Europe".

2) Reuben Ainsztein, "Jewish Resistance in Nazi-Occupied |Eastern Europe".

איזי אוניקאָווסקי

# מיניאַטורן

צום קאָנקורס פון שילער־אַרבעטן פאַר דער „מרים בוקס־־רינגעלבלום פּרעמיע״ פאַרן יאָר 1974 האָט איזי אוניקאָווסקי, דאַן אַ שילער פון צענטן קלאַס פּרץ־שול און קאַרגע 17 יאָר אַלט, אָנגעשריבן אַ גרעסערע פּאָעמע „דער ייד״. די זשורי איז נתפּעל געוואָרן פון דער פּאָעמע און פּרעמירט זיין אַרבעט ווי איינע פון די בעסטע.

דער לערער י. גיליגיטש האָט איינגעלאַדן אוניקאָווסקין און אים געגעבן עטלעכע לעקציעס אין טעאָריע פון ליטעראַטור, דער עיקר פון ריטעם פון יידישן פערזנבוי (איזיס פּאָעמע איז געשריבן געוואָרן אָן אַ ריטעם). נאָכן ענדיקן דעם קורצן לעקציע־קורס האָט ער אים געבעטן צושטעלן מוסטערן פון אַלע עלעמענטאַרע פינף ריטעם־פאָרמען פון יידישן פערזנבוי. אַלס רעזולטאַט האָט ער באַקומען פון אוניקאָווסיקן די „מיניאַטורן״.

### כאָריי

אונדזער לעבן איז אַ לידל
שוועבט עס אין דער לופטן.
ביימער זענען לעבנס טרוימען:
רייס נאָר אָפּ די פרוכטן.

### יאַמב

פאַרגעס מיך נישט ווען ביסט אין גלאַנץ,
פאַרגעס מיך נישט מיין פריינד,
ס'קען מאָרגן זיין אַן ענד צום טאַנץ
קענסט פאַלן אויך שוין היינט.

### דאַקטיל

וואו איז דאָס שטיבעלע, וואו איז די גאַס,
וואו איז די פאָרשטאָט וואָס כ'האָב שוין פאַרלאָזט?
וואו איז די אַטמאָספער מיט איר פריינט
און מיט איר וואַרעמקייט וואָס האָט געשיינט?

### אַמפיבראַם

מיר לויפן, מיר, לויפן, מיר לויפן צום ברעג
מיר פאַלן שוין איבער דעם ראַנד.
דער אָפּגרונט, ער גענעצט און שלינגט איין די טעג;
פון שטיינער, עס בלייבט שוין נאָר זאַמד.

### אַנאַפּעסט

נאָר מיר לויפן, און שרייען, און לאַכן צו פיל,
און דערביי איז אַ באַרג פון ירידה;
און דער ווינט פון חלומות צעברעכט דאָס געפיל
פון זיין מיד, מיינע פריינט, מיינע ברידער!

דורכפאַל פון דער דייטשער אַרמיי פולשטענדיק צו באַזיגן דעם ראַטן־פאַרבאַנד און די גרויזאַמקייט פון דער דייטשער פּאָליטיק אין די דעראָבערטע לענדער; גלייכצייטיק דער אַפּיל פון סטאַלינען צו דעם טיף־איינגעוואָרצלטן רוסישן נאַציאָנאַליזם, האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג און מעכטיקן אָפּרוף פון ווידערשטאַנד. די געאָגראַפיע פונעם לאַנד האָט צוגעשטעלט גענוג דעקונג פאַר גרויסע פּאַרטיזאַנער־גרופּן, זיי זאָלן זיך אָרגאַניזירן איבער די אויסגעצויגענע דייטשע ליניעס פון באַדינונג און קאָמוניקאַציע וועלכע זענען געווען פאַר זיי צוטריטלעכע צילן.״

דער סאָוויעטישער ווידערשטאַנד איז, ציפערמעסיק, געווען דער שטאַרקסטער אין דער נאַציש־אָקופּירטער אייראָפּע, ער איז געווען פאַרבונדן מיט די אַממיינסטן מיליטערישע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע און אַקטיוויטעט, אונטער אַ צענטראַלער אָנפירונג פון מאָסקווע, און פאַרבונדן מיט דער סטראַטעגיע פון די הויפּט־סאָוויעטישע כוחות. עס האָט פונקציאָנירט ווי אַ הילף־אָרעם פון דער רויטער אַרמיי און געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין דייטשלאַנדס מפּלה.

„ווידערשטאַנד אין אייראָפּע״ איז אַ זאַמלונג פון עסייען. דער גרעסטער פון זיי, פאַרנעמט זיך מיט דעם ווידערשטאַנד קעגן היטלעריזם אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך, ווי אויך וועגן די אינערלעכע פאַנאַנדערטיילונגען צווישן די פּאַרטיזאַנער־גרופּן און פראַקציעס מיט זייערע פאַרשידענע וועגן און צילן. עס איז אַ ווערטפול בוך און גוט באַאַרבעט.

* * *

ראובן איינשטיינס גרויס ווערק (בערך טויזנט זייטן) „דער יידישער ווידערשטאַנד אין דער נאַציש־אָקופּירטער מזרח־אייראָפּע״, איז אַ דאָקומענטירטע שטודיע אויף אַ ברייט פעלד וועגן דעם יידישן ווידערשטאַנדס-גייסט קעגן די אונטערדריקער אין לויף פון לאַנגע דורות, אָפּוואַרפנדיק דעם פאַרשפּרייטן מיטאָס („פון שאָף צו דער שחיטה״), אַז די יידן האָבן בכלל נישט געפּרוּווט שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

איך וועל זיך נישט אָפּשטעלן דאָ אויף דער באַלייכטונג פון מחבר אויף אַ לאַנגער געשיכטלעכער טעמע אין וועלכער ער באַהאַנדלט דעם ענין: דער ייד, ווי אַ קעמפער אין די לעצטע צוויי טויזנט יאָר. אָט דעם קאַפּיטל פאַרענדיקט דער מחבר מיט אַן אַנאַליז, וואָס פאַר אַ וויכטיקע ראָל יידן האָבן געשפּילט אינעם אויפבוי פון דער רויטער אַרמיי, פון וועלכער טראָצקי (זיין יידישער נאָמען: בראָנשטיין) איז געווען דער גרינדער.

דער גרעסטער טייל פון דעם ווערק פאַרנעמט זיך מיט דער האַלטונג פון די יידן בעת די היטלער־יאָרן, זייער פּאַרטיזאַנער־ראָל אין פּוילן און אין רוסלאַנד, די געטאָ־אויפשטאַנדן און די רעוואָלטן אין די טויט־לאַגערן.

די קוואַליטעט פון איינשטיינס גרויס ווערק באַשטייט אין דער פאָרשונג און דאָקומענטאַציע פון אַלץ, וואָס זאָגט עדות וועגן דער לעצטער לייזונג. אַ חוץ דער גרויסער צאָל צוזאַמענגענומענע עדות, לעבנגעבליבענע פון אוישוויצער לאַגער, האָט דער מחבר נאָכגעפאָרשט די דאָקומענטן און אַרכיוון, וואָס זענען פאַרבליבן פון די דייטשע לאַגערן אין אינטערנאַציאָנאַלן אויסזיכונגס־דינסט אין אַראָלסאָן (מערב דייטשלאַנד). ער גיט איבער די גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי דער אוישוויץ-לאַגער האָט זיך געשאַפן אין 1940, צו ערשט ווי אַ לאַגער פאַר פּאָליאַקן; שפּעטער פאַר די רוסישע געפאַנגענע (סעפּטעמבער 1941), וועלכע מען האָט אַריינגענומען אין די עקזיסטירנדיקע ניין בלאָקן. און נאָך דעם, דאָס אויפבויען דעם נייעם לאַגער אין בירקענהאַי מיט די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריע, וואָס איז געוואָרן דער פאַרניכטונגס־לאַגער פון אוישוויץ. ער דערמאָנט באַקאַנטע פאַקטן וועגן די פּאָליאַקן פון דעם לאַגער, וואָס האָבן נישט דערלאָזט צו קיין אויפשטאַנד.

איינשטיין אונטערשטרייכט, אַז די רוסישע געפאַנגענע צוזאַמען מיט די יידן האָבן אין לאַגער געפּרעסט צו מאַכן אַן אויפשטאַנד, אָבער די פּאָליאַקן האָבן עס סאַבאָטירט. ער שרייבט: „די איינציקע נאַציאָנאַלע גרופּע, וואָס איז געווען אומשטאַנד צו מאַכן אַן אויפשטאַנד זענען געווען די פּאָליאַקן, אָבער זיי האָבן עס נישט דערלאָזט. דעריבער איז געווען נאָר די „זאָנדערקאָמאַנדאָ״, וואָס איז באַשטאַנען פון די יידן און רוסן״. ער ציטירט דעם קאָמענדאַנט פון לאַגער, העס: „ווי שטאַרק די מאַכט זאָל נישט האָבן געווען אין לאַגער, וואָלט דאָך אוממעגלעך געווען צו באַהערשן די געפאַנגענע, אויב מ׳וואָלט נישט אויסגענוצט זייערע קעגנזייטיקע אַנטאַגאָניזמען. וואָס גרעסער עס איז געווען די צאָל פון די אַנטאַגאָניזמען... אַלץ לייכטער איז געווען צו באַהערשן דעם לאַגער; „צעטייל און הערש״. ווייסן מיר, אַז דער אַנטיסעמיטיזם ביי די פּאָליאַקן איז געווען שטאַרק און טיף. דאָס גופא האָט געשאַפן אַ פאַרבאַנד צווישן די דייטשע באַנדיטן מיט אַ גרויסער צאָל פון זייערע „אַרישע״ קרבנות. מיר קענען מסכים זיין מיטן מחבר, ווען ער שרייבט „די אַממיינסטן אָנגעשטעקטע פון דער קראַנקהייט (אַנטיסעמיטיזם) זענען געווען די פּאָליאַקן און דאָס האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג, ממש פון ערשטער ראַנגע, אין דער געשיכטע פון דער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג״.

אויף אַן 130 זייטן באַשרייבט איינשטיין די באַדייטונג און דעם כאַראַקטער פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. אין דער ענגלישער שפּראַך איז דאָס זייער וויכטיק און האָפנטלעך, אַז דאָס וועט דערגיין אויך צום נישט־יידישן לייענער, ער זאָל באַקומען אַ בילד פון וואַרשעווער געטאָ פאַר און בעת דעם אויפשטאַנד.

אַנאַליזירנדיק די פּרוּוון צו מאַכן אַן אויפשטאַנד אין די אַנדערע געטאָס פון פּוילן, קומט דער מחבר צו ווייסרוסלאַנד, וואו צען טויזנט יידן פון מינסק האָבן זיך אַרויסגעריסן פון געטאָ און זיך פאַרבונדן מיט די פּאַרטיזאַנער אין די ווייס־רוסישע וועלדער. ער באַמערקט: „פון די אַלע לענדער, וואָס דייטשלאַנד האָט אָקופּירט, האָט קיינער

## יצחק קאַהאַן

# יידישער ווידערשטאַנד אין מזרח-אייראָפּע

צווישן די פאַרשידענע ביכער, וואָס זענען לעצטנס דערשינען וועגן דעם אַלגעמיינעם ווידערשטאַנד און באַזונדערס וועגן דעם יידישן ווידערשטאַנד אין די נאַציש אָקופּירטע לענדער פון מזרח־אייראָפּע, וויל איך אַרויסהייבן צוויי ביכער אין דער ענגלישער שפּראַך, וואָס טיילן זיך אויס פון די פיל אַנדערע דערשינענע ביכער אויף דער טעמע.

„ווידערשטאַנד אין אייראָפּע" נעמט אַרום די יאָרן 1939-1945, און די מחברים סטיפען האַוס און ראַלף ווהייט גיבן אַן אַנאַליטיש בילד וועגן דער קאָנצעפּציע פון ווידערשטאַנד קעגן דעם נאַצישן שונא אין יעדן באַזונדערן לאַנד.

די ראָל פון די פּאַרטיזאַנער אין דער נאַציש־אָקופּירטער מזרח־אייראָפּע איז געווען אַנדערש, ווי אין מערב־אייראָפּע, פּונקט, ווי היטלער־דייטשלאַנד האָט אָנגעווענדט אַן אַנדער פּאָליטיק אין פּוילן און רוסלאַנד, ווי לגבי פראַנקרייך, בעלגיע, נאָרוועגיע און דענעמאַרק. מיט דעם איז טאַקע פאַרבונדן די אינסטאַלאַציעס פון די פאַרניכטונגס־לאַגערן אין פּוילן, וואָס ווערן איצט — אומפאַרשעמט — אָפּגעלייקנט מצד די נעאָ־נאַציסטישע אַפּאָלאָגעטיקער. זיי פאַררופן זיך אויף די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין עסטרייך און אין דייטשלאַנד, וועלכע האָבן נישט געהאַט די גאַז־אויוונס, ווי דאָס איז געווען אין די פּוילישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, און דאָס זוכן זיי אָנצוגעבן אַלס באַווייז, אַז די לאַגערן זענען אומעטום געווען די זעלבע. דאָס איז פאַרשטענדלעך אַ פולשטענדיקער ליגן און פעלשונג פון דער ווירקלעכקייט.

דאָס באַציט זיך אויך צום כאַראַקטער פון ווידערשטאַנד קעגן נאַצישן שונא. אַנדערש האָט דער ווידערשטאַנד אויסגעזען אין מזרח־אייראָפּע — צוליב דער שרעקלעכער אַכזריותדיקער אויסראָטונגס־פּאָליטיק לגבי דער ציווילער באַפעלקערונג, וואָס היטלער האָט אָנגעווענדט אין פּוילן און אין רוסלאַנד, און גאָר אַנדערש איז געווען די היטלעריסטישע פּאָליטיק אין נאָרוועגיע אָדער דענעמאַרק. ראַלף ווהייט ווייזט גלייך אין ערשטן קאַפּיטל פון זיין בוך, אָט דעם קאָנטראַסט און אילוסטרירט עס מיט פאַקטן און ציפערן וועגן דער דייטשער פּאָליטיק. ער שרייבט:

„די שוידערלעכע שינאה צו יידן, סלאַוון און באַלשעוויקעס, וואָס די דייטשע פירערשאַפט האָט אַרויסגעוויזן, איז אַ געוויסער מאָס צוליב דעם פאַרלאַנג פון לעבנסרוים, בעיקר מיטן ציל צו רעדוצירן פּוילן און די אַלע אַנדערע דעראָבערטע לענדער פון רוסלאַנד צו אַ צושטאַנד פון אונטערטעניק מאַכן זיי, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום פּאַראַלעל ערגעץ אַנדערש. דאָס איז באַגלייט געוואָרן מיט אַן אומפאַרגלייכלעכן רעזשים פון טעראָר און אויסראָטונג. עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג זענען געווען אוניווערסאַלע טעמעס פון דער נאַציסטישער פּאָליטיק (אומעטום), אָבער עס איז געווען פאַרשידנאַרטיק זייער מאָס און באַדייטונג אין דער אינטענסיווקייט: עס לאָזט זיך גאָר נישט פאַרגלייכן די אומגלויבלעכע ווילדע אכזריותדיקייט וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר פּוילן און רוסלאַנד. עס איז דאָך נישט געווען קיין צופאַל וואָס פּוילן איז באַשטימט געוואָרן פאַר דער סצענע פון דער ענטגילטיקער לייזונג, דורך די שוידערלעכסטע פאַרניכטונגס־לאַגערן; אַז דער נאַצישער ענטפער פאַר אומברענגען איין דייטש דורך אַ לאָקאַלן ווידערשטאַנדלער איז געווען צו דערשיסן אַלס נקמה אַ צען לאָקאַלע איינוואוינער אין נאָרוועגיע, אין יוגאָסלאַוויע 100 און אין פּוילן 1000. צו פאַרגלייכן מיט דעם לעצטן ציפער איז קענטיק, אַז די דייטשע פּאָליטיק אין די אַנדערע טיילן פון אָקופּירטן אייראָפּע איז געווען פאַרהעלטנישמעסיק מילד. ספּעציעל איז דאָס געווען אין דעם „מאָדעל פּראָטעקטאָראַט" פון דענעמאַרק, און אין אַ קלענערן פאַרנעם אין נאָרוועגיע, האָלאַנד און פראַנקרייך, וואו די דייטשן האָבן געפּרוווט צו געווינען די קאָאָפּעראַציע פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג."

אין די שורות איז דאָ אַן ענטפער פאַר דעם נעאָנאַציסטישן פּראָפּאַגאַנדיסט קאָלין ווילסאָן, וועלכער פרעגט קלאָץ־קשיות, וועגן די קאָנצענטראַציע-לאַגערן אויף דער טעריטאָריע פון מזרח־אייראָפּע און די פאַרשידענע לאַגערן, וועלכע האָבן שוין פון פריער עקזיסטירט אין דייטשלאַנד, ווי דאַכאַו, למשל.

דער אונטערשייד אין דער באַהאַנדלונג צווישן די פאַרשידענע לאַגערן איז באַשטאַנען אין דער אונטערשייד פון דער היטלעריסטישער פּאָליטיק אין מזרח־אייראָפּע, וואו ער האָט געשטרעבט צו קאָלאָניזירן, און די לענדער ווי פראַנקרייך און ענגלאַנד, וועלכע זענען אַרויס אין קריג קעגן דייטשלאַנד. די היטלעריסטישע איינשטעלונג צו די דערמאָנטע באַזונדערע לענדער אין דער אָקופּירטער אייראָפּע, האָט אַרויסגערופן די אַנדערשקייט פון דעם כאַראַקטער אין דעם פּאַרטיזאַנער־קאַמף און ווידערשטאַנד־באַוועגונג הינטער די דייטשע קריגס־ליניעס.

דאָס ווערט אונטערגעשטראָכן דורך דעם מחבר ראַלף ווהייט אין זיין אויבנדערמאָנטן בוך. ער שרייבט: „דער

---

ער־זאַל, פירט דעם עולם וואוהין ער, דער קינסטלער, וויל און אַזוי ווי ער וויל. די פולקאָמע איינהייט צווישן צושויער און אינטערפּרעטאַטאָר, נאָך מער, דאָס פולקאָמע באַהערשן דעם צושויער דורך דער איינציקער פּערזאָן אויף דער בינע, איז די קראַפט פון יעקב ראָטבוימס אינטערפּרעטאַציע.

ש. ב.

# עס לייענט יעקב ראַטבוים...

## (צו זיין באַזוך אין מעלבורן)

אויף דער שוואַך־באַלויכטעטער בינע שטייט איין מענטש. אָן גרים, אָן כאַראַקטעריזאַציע, אַזוי ווי מען זעט אים טאָג־טעגלעך אין גאַס, אין שטוב, אין טעאַטער. אָבער ווען ער הייבט אָן לייענען, געשעט מיט דער סצענע און מיט די צושויער עפּעס מערקווירדיקס: די פּוסטע סצענע אָן דעקאָראַציעס, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גאַס פון אַ קליין יידיש שטעטל, אין אַ געטאָ־גאַס, וואו עס לעבן און מאַטערן זיך, דענקען און קעמפן פּשוטע יידישע מענטשן. מיר זעען דייטלעך אָט דאָס בילד, אין צענטער — סאַפּירס וואַרשטאַט ביי וועלכן ער זיצט, גריבלט זיך אין די זייגערס, זאַלקינדס רייך הויז, כאַרלאַפּס וואוינונג, אַלטע, איינגעהויקערטע הייזער און הייזקעס.

באַלד ווערט דאָס געסל פול מיט לעבן און מענטשן. מיר באַקענען זיך מיט ברוך־לייב שולמאַן, מיט שמחה דעם טרעגער, מיט שייקע כאַרלאַפּ, מיט אשר זאַלקינד און מיט די איבעריקע איינוואוינער פון אָט דעם געטאָ־געסל. און כאָטש מיר זעען נישט אויף דער בינע קיינעם פון זיי, כאָטש מיר הערן בלויז די שטימע און זעען די קאַרגע זשעסטן פון דעם לייענער און אינטערפּרעטאַטאָר — יעקב ראָטבוים, ווייסן מיר, ווי יעדער איינער פון די העלדן, וואָס לעבן אויף אין אונדזער פאַנטאַזיע, זעט אויס. ברוך־לייב שולמאַן — אַ ווירדיקער מענטש, וועלכער טראָגט הויך דעם קאָפּ. ער ווייזט אויס צו זיין גרוי פון צרות און פּיין אין זיינע קנאַפּע 40 יאָר, אָבער פון זיינע אויגן קוקט אַרויס נישט בלויז צער און עגמת־נפש. זיינע געפּרעסטע ליפּן דריקן אויס עקשנות, אַ ווילן וועלכן עס האָט דערוועקט ביי אים דער פּאַרטיזאַן בעריש, סאַפּירס זון, אַ ברייטביייניקער בחור מיט אַן אָפּן האַרץ, מיט קלאָרע אויגן.

אָט זענען מיר עדות פון דער באַגעגעניש צווישן סאַפּירן מיט זיין זון בעריש. מיר זעען פאַר זיך צוויי קרישטאַל־ריינע יידישע מענטשן — טאַטע און זון. דער יונגער — איז דאָס געוויסן פון פאָלק. ער רופט צום קאַמף, דער צווייטער — די קלוגשאַפט פון פאָלק. מיט זיין שטילער, טאָג־טעגלעכער אַרבעט גיט ער הילף נישט נאָר די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד, נאָר אויך די פּאַרלוירענע, דורך דעם אומגליק אַרויסגעשטויסענע פון גלייכגעוויכט מענטשן.

...יעקב ראָטבוים לייענט, זיינע זשעסטן, זיין מימיק רופט אַרויס צום לעבן אַלץ נייע און נייע געשטאַלטן, אַלץ טיפערע איינצלהייטן, שטריכן פון דעם געטאָ־געסל. וויפיל גליק און גלייכצייטיק אומגליק איז פאַראַן אין דער נאָך נישט רייפער, נאַיווער, ריינער ליבע פון דודל און גאַל־דעלע. זייערע יונגע, שיינע געשטאַלטן ווערן געמאָלן דורך דעם אינטערפּרעטאַטאָר מיט אַ סך ליבשאַפט, מיט טיפן מיטגעפיל צו זייער יונג לעבן, וואָס מוז איבערגעריסן ווערן.

שטאַרק, בולט און רעאַל איז די געשטאַלט פון הענעך דעם משוגענעם מיט די אויפגעהויבענע הענט. אַ גרויל נעמט דורך דעם זאַל, ווען הענעך — ראָטבוים — שרייט אויס:

— איך טאָר נישט אַראָפּלאָזן די הענט... די וועלט... די וועלט קאָן חלילה חרוב ווערן!...

און ווען ער קומט אַריין דאָס צווייטע מאָל און אַ פרוי שרייט אויס:

— זעט נאָר... בלוט... בלוט רינט פון זיינע הענט... מ'האָט אים אָפּגעהאַקט די פינגער! — זעט יעדער אין צושויער־זאַל ווי די אויפגעהויבענע הענט פון הענעכן זענען באַגאָסן מיט בלוט, וואָס רינט אין זיינע אַדבל.

מיר הערן דעם אויפרייס פון היטלעריסטישן שווערן טאַנק, אונטער וועלכן ס'האָט זיך געוואָרפן סאַפּיר, אַרומ־געבונדן מיט גראַנאַטן. מיר זעען, ווי עס שטאַרבט זיין זון בעריש, וואָס האָט געבראַכט אין געטאָ געווער און הילף, באַצאָלנדיק דערפאַר מיט זיין אייגן לעבן. און נאָך זעען מיר, ווי עס וואַקסט דער מוט אַפילו ביי די, וואָס האָבן אים פריער פאַרלוירן, וואָס זענען געווען פול מיט שרעק.

טיף אויפגעטרייסלט זענען די צושויער אין זאַל. עדשט ווען ס'הילכן אָפּ שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן באַ־נעמט מען, אַז מען אַפּלאָדירט נישט די אַרטיסטן, נישט דער טרופּע, נאָר איין מענטש, איין קינסטלער — יעקב ראָטבוימען.

אין וואָס באַשטייט די קראַפט פון יעקב ראָטבוים, וועלכער האָט איינער אַליין געהאַלטן אין שפּאַנונג דעם גאַנצן זאַל, פאָרשטעלנדיק אין זיין איינער פּערזאָן אַ גאַנ־צע גאַלעריע פון יידישע פאָלקס־מענטשן, מיט די טיפסטע שטריכן פון זייער כאַראַקטער און אפילו פון זייער אוי־סערלעכן אויסזען?

דער סוד באַשטייט אין דעם, וואָס יעקב ראָטבוים — דער אינטערפּרעטאַטאָר — פאַראייניקט אין זיך דעם טאַלאַנטפולן רעזשיסער, וועלכער לעבט אויף אין דער פאַנטאַזיע פונעם צושויער די העלדן פון דער פּיעסע, בינדט צוזאַמען די אַקציע אויף דער בינע אין איין גאַנצ־קייט — מיט דעם פּרעכטיקן לייענער און מאָלער, וועל־כער קאָן מיט אַ ריר פון דער האַנט, מיט אַ באַוועגונג פון געזיכט אָדער מיט דער אינטאָנאַציע פון דער שטימע מאָלן גאַנצע בילדער און סצענעס, כאַראַקטערן און געשטאַלטן. און ווען מיר ווען צוגעבן, אַז צום רעזשיסער און מאָלער פאַראייניקט זיך נאָך דער פיינפילנדיקער און דערפאַרע־נער שוישפּילער, וואָס קאָן מיט דער מינדסטער, אָבער גלייכצייטיק אויסדרוקספולער באַוועגונג איבערגעבן דעם נשמה־פאַרשטאַנד פונעם העלד — האָבן מיר פאַר זיך דאָס בילד פון יעקב ראָטבוים דעם אינטערפּרעטאַטאָר, וועלכער באַהערשט פון דער ערשטער מינוט דעם צושוי-

פארן נישט קיין ישראל, איז נישט באגרינדעט. יעדער ייד וואס פארט ארויס פון רוסלאנד, וואוהין עס זאל נישט זיין און באקומט די מעגלעכקייט זיך צו פארבינדן מיטן ייד׳ישן ישוב, דארף באטראכט ווערן אלס א גערעטעווע־טער פארן יידישן פאלק. עס איז נויטיק צו קענען די באדינגונגען פון דער סאוויעטישערווירקלעכקייט כדי צו פארשטיין וואס עס מיינט פאר א ייד אנצונעמען דעם באשלוס פון עמיגראציע. דאס אליין איז שוין א געוואג־טער שריט.

די פראצעדור פון אנגעבן אויף אן ארויספאר־וויזע, דאס באפרייען פון דער ארבעט; די אנגסטן פאר פארפאל־גונגען — שרעקן אפ פון אננעמען די ענדגילטיקע שריט. מען דארף זען די גליקלעכע פנימער פון יידן וואס פאר־לאזן דעם סאוויעטישן גן־עדן כדי צו פארשטיין וואס זיי האבן איבערגעלעבט פארן ארויספארן פון דארטן.

אין אלע צייטן איז עמיגראציע א קאמפליצירטער פרא־בלעם; נייע לעבנס־באדינגונגען, נייע מענטאליטעט, די שוועריקייטן ביים איינארדענען זיך — דאס אלץ איז א קייט פון איבערלעבונגען צו וועלכע עס איז דעם עמי־גראנט שווער זיך צוצוגעוואוינען.

עס קומט א גרויסע אנערקענונג די יידישע אינסטי־טוציעס וואס ווייזן ארויס פריינדשאפט און אונטערשטי־צונג און העלפן די נייע אימיגראנטן. די וואס פארן אין די פאראייניקטע שטאטן, קאנאדע, אויסטראליע, ווייזט דער „האיאס" ארויס פיל הילף ביים אויפהאלטן זיך א לענגערע צייט אין רוים, און ביים דערליידיקן די נויטיקע פאפירן. אפילו אזא קליינער יידישער ישוב ווי עס איז אויסטראליע ווייזט ארויס א גרויסע הילף פאר ניי־געקומענע פון רוס־לאנד. מען האלט אויס ביים אנקומען; מען העלפט מיט וואוינונגען; מען שיקט קינדער אין שולעס און מען העלפט צו געפינען ארבעט.

די מערהייט פון די ניי־געקומענע שאצן אפ אט די הילף. זיי ארדענען זיך ביסלעכווייז איין און זענען צו־פרידן ווען זיי לעבן זיך אריין אין די נייע באדינגונגען. צו דערגרייכן עפעס דויערט אבער א לענגערע צייט, ווייל צוליב דער שפראך־באריערע מוז מען בייטן אפט די בא־שעפטיקונג, וואס איז נאך שווערער פאר מענטשן פון מיטעלן און עלטערן דור. עס עקזיסטירט דערצו נאך א פסיכאלאגישע באריערע: מענטשן וואס האבן דאס גאנצע לעבן אפגעלעבט אין סאוויעטן־פארבאנד זענען צוגעוואוינט אז אלץ גיט מען זיי. „דאיוט" — ארבעט גיט מען, א וואוינונג גיט מען, א.א.וו. דא אבער דארף מען אלץ באזארגן אליין, ארויסווייזנדיק אייגענע איניציאטיוו. דערפאר איז דער אנהויב אין נייעם לאנד פאר אט די מענטשן א שווערער פראבלעם.

אין איצטיקן מאמענט ווערט געמאכט א פרווו צו שאפן א קלוב פאר סאוויעטישע עמיגראנטן, וואס זאל האבן אלס אויפגאבע זעלבסט־הילף, מיט אייגענע כוחות העלפן איינער דעם אנדערן. אבער היגע יידישע אינסטי־טוציעס דארפן ארויסווייזן דעם קלוב אזוי פיל הילף ווי פיל ס׳איז נאר מעגלעך.

א וויכטיקער שריט, איז צוצוציען די אימיגראנטן צו דעם יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן אין אלע אספעקטן פון יידישער קולטור. דעריבער איז ווערט דא איבערצו־געבן וועגן דעם וויכטיקן שריט אין דער ריכטונג וואס די „קדימה" האט געמאכט, ווען זי האט איינגעלאדן סא־וויעטישע אימיגראנטן צו די פאמיליע־אוונטן, איינגע־ארדנט אין דער „קדימה". ספעציעל איינדרוקספול איז געווען דער אוונט אין דעצעמבער 1975, אין וועלכן עס האבן זיך באטייליקט יוגנטלעכע אימיגראנטן. דער אוונט האט דערנענטערט די נייע און די אלטע אימיגראנטן פון מעלבורן, וואס האבן צוזאמען פארבראכט אין א דערהוי־בענער אטמאספער פון יידישן גייסט.

אויך די בני־ברית האט איינגעארדנט אן אויספלוג קיין הילסוויל, וואס איז אדורך מיט גרויס דערפאלג.

אין איצטיקן מאמענט שטרעבן מיר צו ארגאניזירן אונדזער יוגנט אונטערן דאך פון „קדימה", וואו זיי זאלן זיך קענען אויסלעבן אין די שעהן פרייע פון לערנען און ארבעט.

עס וואונדערט מיך, וואס די אויסטראלישע יידישע פרעסע באהאנדלט איבערהויפט נישט די פראבלעמען פון יידישע אימיגראנטן אין אויסטראליע וועלכע קומען פון רוסלאנד. דאקעגן פארנעמט זיך די אמעריקאנער און דרום־אפריקאנער יידישע פרעסע מיט די פראבלעמען אין א גרויסער מאס, האפנטלעך וועט אויך דא קומען צו אן ענדערונג אין דער באציאונג.

מיר האפן אז די נאענטסטע צוקונפט וועט ברענגען א לייזונג פאר דעם גרעסטן טייל פון די פראבלעמען מיט וועלכע עס ראנגלען זיך די ניי־געקומענע יידן פון ראטן־פארבאנד אין אויסטראליע.

---


With Compliments of . . .

**MAGNET SHOE Co.**

PTY. LTD.

**24 HIGH STREET, WESTGARTH**

**Telephones:**

**48-4434**

**48-8159**

**48-7045**

דער הילף פון פּעטראָ־דאָלאַרן אָנגענומען די טרויעריק־באַרימטע רעזאָלוציע קעגן ציוניזם. דער בולט אַנטיסעמיטישער ציל פון דער רעזאָלוציע קען ווערן אַ ווירקזאַם געצייג אין די הענט פון דער נישט איבערקלייבערישער ק.ג.ב.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז דער יידיש־נאַציאָנאַלער אַספּעקט. לאָמיר אָננעמען אַז דער נאַציאָנאַלער פונק איז ביי די סאָוויעטישע יידן קיין מאָל נישט פאַרלאָשן געוואָרן. נאָך די שווערע קלעפּ אין דער היטלער־תקופה, האָט אין דעם נאָך־מלחמה פּעריאָד דאָס סאָוויעטישע יידנטום געליטן פון נגישות און רדיפות, און אויך פון אַ בלוט־אָפּצאַפּונג. מיט דעם עלימינירן פיזיש, דורך אויסהרגענען, די עליטע פון פאָלק, האָבן די סאָוויעטן געצילט צו פאַרלעשן דעם טליענדיקן נאַציאָנאַלן פונק ביי די יידן. מיט סאָוויעטישער פּערפידיע האָבן זיי כלומרשט אויפגעעפנט די טירן פאַר טאָטאַלער אַסימילאַציע, אָבער גלייכצייטיק געלאָזן דעם „פלעק" פון ווערן באַצייכנט אַלס „ייד" אויף דעם יידישן פּאַספּאָרט — עס קען דאָך אַ מאָל צונוץ קומען!

אין די עטלעכע צענדליק יאָר פון דעם יידיש־כאָוויעטישן מיטלאַלטער האָט דער פונק פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין געטליעט, דאָס אַנטשטיין פון מדינת־ישראל האָט דעם פונק אויפגעוועקט פון לעטאַרגיע, און די מלחמה פון די זעקס טעג האָט אים ברייט צעפלאַקערט. כוח און מוט פאַר אויסדויער אין דעם אומגלייכן קאַמף פון די דריי מיליאָן יידן קעגן סאָוויעטישן גיגאַנט, איז געווען דער רוף פון די יידן אין די תפוצות, אַ רוף וואָס האָט אָפּגעהילכט מיטן אַלטן עטלעכע טויזנט־יאָריקן עכאָ: „שלח את עמי!"

בינדן זיך צונויף די דריי אַספּעקטן פון דעם רוסישן יציאת־מצרים אין איין נישט צעררייסבאַרע גאַנצקייט. די צוקונפט וועט באַווייזן צי רוסלאַנד וועט אַרויפגיין אויף דעם וועג פון הומאַניזם און געבן נישט נאָר די יידן די רעכט צו עמיגרירן, נאָר אויך צו אַנדערע בירגער־אונטערטאַנען.

צום פרילינג איז נאָך ווייט, דאָך האָבן זיך אויפן סאָוויעטישן האָריזאָנט באַוויזן די ערשטע שטראַלן.

סערגיי רובינשטיין

# געדאַנקען פון אַ סאָוויעטישן עמיגראַנט אין אויסטראַליע

אין אָנהויב פון די 70-קער יאָרן איז געשען אַ נס די סאָוויעטישע יידן, ווען מען האָט אָנגעהויבן צו דערלויבן צעשיידטע משפחות זיך צו פאַראייניקן מיט זייערע קרובים אין ישראל און אַנדערע לענדער.

די לאַגע פון יידן אין רוסלאַנד האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה: די ליקווידאַציע פון דער יידישער קולטור האָט זיך אויסגעדריקט אין צומאַכן די יידישע צייטונג, דאָס יידישע טעאַטער און די פאַרניכטונג פון זייערע אַרבעטער. יידישע שרייבער זענען דערשאָסן געוואָרן און נאָך דעם „ענין פון די דאָקטוירים" זענען באַגרענעצט געוואָרן די מעגלעכקייטן פון אַרבעט פאַר יידן און אויך ביים אָנקומען אויף העכערער אַקאַדעמישער אויסבילדונג.

די אַלע מעשים האָבן צוגעווירקט צו דער אַנטוויקלונג פון אַנטיסעמיטיזם סיי פון אויבן, סיי מצד די נידעריקע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, אין די לעצטע יאָרן איז דער אַנטיסעמיטיזם געוואָרן אַרויסגעוויזן עפנטלעך. די דאָזיקע דערשיינונג האָט געברענגט אַ צווייאיקע רעאַקציע: אַ שטייגענדיקע אַסימילאַציע ביי יידן און אַ וואוקס פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין ביי אַנדערע. כאָטש די ביידע דערשיינונגען זענען קעגנזעצלעכע, דאָך האָבן זיי זיך אַנטוויקלט פּאַראַלעל מיט דער זעלבער קראַפט.

אמת, די אַסימילאַציע־טענדענצן האָבן פאַר די אַסימילירנדיקע זיך יידן נישט געבראַכט קיין געוואונטשענע רעזולטאַטן. ווייל אויסבאַהאַלטן זיך מיט דער נאַציאָנאַלער אָפּשטאַמונג איז יורידיש פאַרבאָטן. אָבער דאָס איז שוין אַן אַנדער פּראָבלעם, וואָס דאַרף באַזונדער באַהאַנדלט ווערן.

שוין נישט איין מאָל איז אין דער געשיכטע פון יידן געוואַקסן דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין אַלס רעזולטאַט פון אַנטיסעמיטיזם. אַ דעצידירנדיקן איינפלוס אויף דעם שטייגנדיקן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין ביי די יידן אין רוסלאַנד האָט געהאַט דער פאַקטאָר פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה אין 1967. וואָס מער די סאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט געוואָלט באַווייזן ישראל אין ליכט פון אַן אַגרעסאָר און די נעבעכדיקע אַראַבער אַלס קרבנות, אַלס מער איז געוואַקסן דער שטאָלץ מיט דעם זיג פון אונדזער פאָלק.

אַ גרויסע השפעה האָט דאָס געהאַט אויף דער יידישער יוגנט אין רוסלאַנד, וואָס האָט אָפּגעפילט איר פולשטענדיקע ציל־לאָזיקייט פון עקזיסטענץ אין ראַטן-פאַרבאַנד. די אויבנדערמאָנטע מאָמענטן זענען געווען דער רעאַלער באָדן אויף וועלכן ס'איז אויסגעוואַקסן די סיבה פאַר יידן פון וועלן עמיגרירן פון סאָוויעט־ןפאַרבאַנד.

צוגלייך מיט דער עמיגראַציע קיין ישראל איז אויך אָנגעגאַנגען די עמיגראַציע אין אַנדערע פרייע לענדער. אונדז דוכט זיך, אַז דאָס וואָס מען האָט טענות צו די וואָס

י. מ. לעווין

# 3 הויפּט-אַספּעקטן פון יציאת רוסלאַנד

דער מאָדערנער „יציאת מצרים״ פון רוסלאַנד שטעלט מיט זיך פאָר אַ קאָנגלאָמעראַט פון מער ווי דריי אַספּעקטן, אָבער פון אַלגעמיינעם בילד טיילן זיך בולטער אויס פאָלגנדע דריי: דער הומאַניטאַרער, דער יידיש־נאַציאָנאַלער און דער סאָוויעטישער.

פון די אויסגערעכנטע דריי דאַרף און מוז דער הומאַניטאַרער אַספּעקט באַטראַכט ווערן אַלס נומער איינס, אַלס דער וואָרצל פון דעם אַלגעמיינעם קאָמפּליצירטן פּראָבלעם ביים באַרירן דעם ברען-פּונקט פון דער אויסעראָרדנטלעכער געשעעניש, וועלכע איז אָן אַ פּרעצעדענט אין דער סאָוויעטישער פּאָליטיק בכלל. און אין דער באַציאונג פון די סאָוויעטן לגבי יידן בפרט. ס׳איז לגמרי נישט נויטיק זיך צו פאַררופן אויף דזשעפערסאָנס „דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט״, אויף די יו״נ־אָ רעזאָלוציעס וועגן „די רעכט פון פרייהייט פון באַוועגונג פאַרן יחיד״, צי גאָר אויף דעם אַמעריקאַנער־סאָוויעטישן אָפּמאַך „וועגן פרייער עמיגראַציע בכלל און פאַר יידן בפרט — אויב די לעצטע פאַרלאַנגען עס״.

כדי צו באַגרינדן דעם פּרינציפּ פון פרייער עמיגראַציע, איז גענוג צו נעמען פאַר אַן אויסגאַנג־פּונקט דעם טיף־פאַרוואָרצלטן דראַנג צו פרייהייט ביי יעדן בעל־חי, ביים מענטש אין דער ערשטער ריי. פרייהייט אין איר עצמדיקייט, ווי אויך אין אַלע פאָרמען אין, וועלכע זי איז מחויב זיך צו מאַניפעסטירן, איז דער נאַטירלעכער, פונדאַמענטאַלער באַדינג פאַר דעם מענטשנס נאָרמאַלער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג. דאָס איז קלאָר. דער קאַמף קעגן אונטערדריקונג ווערט דעריבער דער מאָטאָר און די פאָן פון יעדער פרייהייט־באַוועגונג. פון דעם איצטיקן קאַמף פון די רוסישע יידן פאַר פרייער עמיגראַציע איינגעשלאָסן, די גורמים פאַר דעם אויפגעוואַכטן דראַנג נאָך פרייהייט זענען פאָלגנדיקע: די לאַנג־דויערנדיקע טאָטאַלע אָפּגעשלאָסנקייט פון רוסלאַנד פון דער איבעריקער וועלט, דער ריקזיכטלאָזער, אייזערנער רעזשים פון דער סאָוויעטישער דיקטאַטור, דער באַלעבאָס איבער לעבן און טויט פון זיינע בירגער־אונטערטאַנען, און לסוף, די אומדערטרעגלעכע, אַלץ אַרומנעמענדיקע אַטמאָספער פון אומזיכערקייט און שרעק פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, איז געווען די פּסיכאָלאָגישע באַזע פאַר רעוואָלט.

די גרויע, נישט פריינטלעכע טאָג־טעגלעכקייט פון רוסישן בירגער־אונטערטאַן האָט גינסטיק אויסגעווירקט אויף דער געדייאונג פון אַ בונטאַרישן אויפרייס־מאַטעריאַל וואָס דערוויל האָט עס דערפירט צו אַ קליינער עקספּלאָזיע פון אומגעדולד. דער אויפרייס האָט דערוויל געמאַכט אַ גאָר קליינעם דורכברוך אין גיגאַנטישן סאָוויעטישן מאָנאָליט. דער קליינער דורכברוך איז אָבער געוואָרן אַ געשעעניש, וועלכע קען שטעלן אין געפאַר די סאָוויעטישע קאָנצעפּציע וועגן רעכט פון בירגער, וועגן רעכט פון מענטש. מיט דעם דערלויבן אויף אַ באַגרענעצטע אפילו עמיגראַציע פון יידן פון דער סאָוויעטישער פאַרמאַכטקייט, שאַפט זיך אַ נישט געוואונטשענע שפּאַנונג, אַ רוף פאַר ענדערונג פון די אומצאָליקע פעלקער אין די סאָוויעטישע מאַכט־גרענעצן. אַ רוס, אַן אוקראַאינער, אַן אוזבעק וועט מיט רעכט קענען פרעגן: מיט וואָס זענען מיר ערגער פאַר די יידן? זיי איז דערלויבט צו עמיגרירן — און מיר מוזן בלייבן זיצן שטיל און געהאָרכזאַם!

זיי וועלן נישט קענען און אויך נישט וועלן פאַרשטיין די פּערפידיע, קאָמפּליצירטע הינטער-קוליסן שפּיל פון דער סאָוויעטישער דיפּלאָמאַטיע, וואָס מיטן אַרויסלאָזן עטלעכע צענדליק טויזנט יידן געווינען זיי אַ צוג אין דער שאַך־פּאַרטיי מיט געניטקייט אויסגעשפּילט מצד אירע שפּילערס.

דאָס אַרויסלאָזן צו ביסלעך די יידן איז אַ כלומרשטער זשעסט לגבי אַמעריקע: זעט, מיר זענען נישט אַזוי שלעכט ווי אַנדערע מאָלן אונדז! גלייכצייטיק האָט עס געדינט אַלס אַ דעליקאַטע וואָרענונג צו די אַראַבישע הערשער. אויב איר וועט נישט נאָכפאָלגן אונדזער פּאָליטיק פון איזאָלירן אַמעריקע אין מיטעלן מזרח, וועלן מיר פאַרפלייצן ישראל מיט רוסישע יידן! צי דאָס דראָענדיקע געשפּענסט פון יידישער פאַרפלייצונג האָט געווירקט אויף דער נאָכגיביקייט פון די אַראַבער איז מער ווי צווייפלהאַפט. דאָך איז עס געוואָרן אַ קליינע דאַמאָקלעס־שווערד אויפגעהויבן פון רוסלאַנד אויף דער אַראַבישער פּאָליטיק.

אַ באַוועגונג פאַר פרייהייט איז אַן אָנשטעקנדיקער באַציל, און אויב זי פאַרשפּרייט זיך ווערט זי אַ געפאַר פאַרן רעזשים. מוזן דעריבער קומען קעגנמאָס-מיטלען — און זיי זענען פאַראַן דאָרט אין כמות און אין איכות. אָפּזאָגן פון דער אַרבעט שטעלט דעם ווידערשפּעניקן מחוץ למחנה. אין אַזאַ פאַרמאַכטער געזעלשאַפט ווי עס איז סאָוויעט־רוסלאַנד דראָט עס מיט אומקום. אָפּזאָגן פון דער אַרבעט איז דער מילדסטער, דער „הומאַניטאַרסטער״ מעטאָד. פאַראַנען מערערע דראַקאָנישע מיטלען — איינשליסן אין דער אַרמיי, דערקלערן דעם אָפּגעזאָגטן פון דער אַרבעט אַלס אַ „סאָציאַלן פּאַראַזיט״ (ער „לעבט״ דאָך ווי נישט איז...) און אַלס אַזעלכן פאַרשיקן אויף צוואַנגס־אַרבעט אויף מערערע יאָרן. באַזונדער שווידערלעך איז אַזאַ ווידערשפּעניקן בירגער דאָס פאַרמאַכן אים אין אַ משוגעים־הויז. אַזעלכע פאַלן זענען פאַראַן אין די הונדערטער.

לעצטנס האָט די ק.ג.ב. באַקומען אַ „געשאַנק״ פון הימל, וועלכן זי אַליין האָט אומדירעקט געהאָלפן באַשליסן. די אָרגאַניזאַציע פון „די פאַראייניקטע פעלקער״ האָט מיט

רעכט, הילפס־אָרגאַניזאַציעס, אָבער קיין צענטראַלע אָנפירערשאַפט פון גאַנצן יידישן לעבן אין אַמעריקע איז צום באַדויערן נישט געשאַפן געוואָרן.

ביי אונדז אין אויסטראַליע איז דאָס יידישע קהילה־לעבן באַזירט אויפן בריטישן מוסטער פון „באָרד אָף דעפּוטיס", וואָס באַשטייט פון דעפּוטאַטן וועלכע פאַרטרעטן סינאַגאָגע־געמיינדעס, פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. צוליב דער סטרוקטור פון אַ געמיינדע פון פאַרטרעטער בלויז פון אינסטיטוציעס, האָט נישט און קען נישט דער דורכשניטלעכער ייד האָבן אַ ווירקונג אויפן גאַנג פון יידישן קהילה־לעבן דאָ הי.

מיטן אויפקום פון מדינת־ישראל האָט זיך געשטאַרקט די מיינונג, אַז יידיש-געזעלשאַפטלעך לעבן אין די צעשפּרייטונגען דאַרף זיין גענוג בלויז צו באַגרענעצן זיך צו פינאַנסיעלער אונטערשטיצונג פאַר דער מדינה. די דערפאַרונגען פון די לעצטע צענדליק יאָרן האָבן אָבער אונדז געלערנט, אַז בלויז מאַטעריעלע אונטערשטיצונג איז נישט גענוג, נישט פאַר דער מדינה און נישט פאַר די יידישע ישובים אין דער וועלט. דער גורל פון גאַנצן יידישן פאָלק, סיי אין דער מדינה און סיי אין די תפוצות, איז זייער שטאַרק אָפּהענגיק איינער פון דעם צווייטן. (אַמבולטסטן האָט דאָס אַרויסגעוויזן די לעצטע אַנטי־ציוניסטישע רעזאָלוציע פון יונ"אָ.)

אויב מיר גיבן זיך אָפּ אַ דין־וחשבון, אַז יידיש לעבן אין מדינת־ישראל און אין דער גאָרער וועלט קען נישט אויפגעהאַלטן ווערן בלויז מיט געלט־זאַמלונגען, דאַן איז דער געבאָט פון דער שעה — אַ פאַרשטאַרקטער, גוט־אָרגאַניזירטער און איינהייטלעך־יידישער קהילה-לעבן, געבויט אויף דעמאָקראַטישע יסודות.

דער אידעאַלער סיסטעם וואָלט געווען — אַ יידישע קהילה צו וועלכער עס געהערן אַלע יידן, אויסגעהאַלטן דורך זייערע שטייערן און אָנגעפירט דורך אַ דעמאָקראַטיש־געוויילטער אָנפירונג. אָבער, צום גרויסן באַדויערן, איז עס דערווייל אַ ווייטער וואונטש, וועלכן מען מוז פּראָפּאַגירן און פאַר אים קעמפן.

דער „ראַט פון יידישע פאַרשטייער" („באָרד אָף דעפּוטיס") אין וויקטאָריע, ביי אַלע זיינע פעלערן און שוואַכקייטן, איז די רעפּרעזענטאַנץ פון מעלבורנער יידנטום. אויף זיין פאָרום, יעדן חודש, קומען זיך צונויף די פאַרשטייער פון יידישע אָרגאַניזאַציעס און באַהאַנדלען די פּראָבלעמען און אויפגאַבן וועלכע שטייען פאַרן וועלט־יידנטום און אָרטיקן יידישן ישוב.

דער ראַט האָט נישט קיין לעגאַל־רעכטלעכע מאַכט, ווי יידישע קהילות אין אייראָפּע. די אָנגעהעריקייט (און דאָס אויך נישט פון קיין יחידים נאָר פון אָרגאַניזאַציעס) איז אַ פרייוויליקע, דעריבער אויב די אָרגאַניזאַציע וויל אויספירן איר וויכטיקע און פאַראַנטוואָרטלעכע ראָל אין יידישן לעבן, מוז זי זיין טאָלעראַנט צו אַלע שטרעמונגען פון אונדזער געמיינדע. איר אויפגאַבע דאַרף זיין נישט צו דערדריקן, נאָר צו שטאַרקן אַלע צווייגן און שטרעמונגען פון אונדזער מעלבורנער יידישן ישוב.

דער יידיש-סעקטאָר אין מעלבורן האָט אַ וויכטיקע און פאַראַנטוואָרטלעכע ראָל צו שפּילן אין אַלגעמיינעם קהילה־לעבן, ווייל מיר זענען די שארית־הפליטה פון פאַרניכטעטן יידישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע, וואָס האָט הינטער זיך אַ טויזנט־יאָריקע טראַדיציע פון אַ פול־בלוטיקן שעפערישן יידישן לעבן. אָבער כדי אונדזער סעקטאָר זאָל קענען קאָנסטרוקטיוו און פּאָזיטיוו באַווירקן דעם קהילה־לעבן, פאַרלאַנגט זיך פריער פאַר אַלץ אַ קאָנסאָלידירונג פון אונדזער אייגענעם אָרגאַניזאַציאָנעלן לעבן.

מיר פאַרמאָגן אין מעלבורן אַ וואונדערבאַרע קולטור אָרגאַניזאַציע „קדימה", יידישע שולן, לאַנדסמאַנשאַפטן, א"אַנד. זיי דאַרפן זיך פאַראייניקן אין אַ יידישער קהילה, וואו יעדער מיטגליד טראָגט צו זיין שטייער און וויילט דעמאָקראַטיש אויס איר אָנפירונג.

אויב מיר וואָלטן געקענט אויפבויען אַזאַ דעמאָקראַטישע יידישע קהילה, וואָלט עס זיכער זייער פּאָזיטיוו זיך אָפּגערופן אויפן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון גאַנצן יידישן ישוב אין מעלבורן.

---

## ניי־דערשינענע יידישע ביכער

— אין יאָר 1975 איז דערשינען אין מעלבורן דאָס בוך „קינדער אין געטאָ" פון דער יידישער שרייבערין שבע גלאָס־ווינער. צו די שאַפונגען וועלכע זענען געווידמעט דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע געהערט אויך דאָס בוך „קינדער אין געטאָ", אין וועלכן די שרייבערין האָט באַשריבן די יסורים און דעם אומקום פון די יידישע געטאָס פון פוילן.

— אין דעם זעלבן יאָר איז דערשינען דאָס בוך „פון מיין לעבן", פון דער היגער כלל־טוערין פרוי רחל בענעט. דאָס בוך איז אַ באַשרייבונג פון מעשים טובים פון 75 יאָר יידיש אימפּולסיוו לעבן, אָנהייבנדיק פון איר געבוירן־שטאָט ראַדאָם, פוילן, ביז איר איצטיקן וואוין־אָרט אין מעלבורן. פרוי בענעט האָט אונדז איבערגעגעבן די דורותדיקע שיינקייט פון דעם פאַרשוואונדענעם רייכן יידישן לעבן פון פוילן און די אומוואַנדלונג פון די דאָזיקע שפּרודלדיקע יידישע אַקטיוויטעטן אין דעם אַנגעזיזירטן יידישן לעבן אין מעלבורן.

— אין 1976 וועט דערשיינען דאָס דריטע בוך פון דעם היגן באַקאַנטן יידישן שרייבער און ליטעראַטור־קריטיקער יצחק קאַהאַן. דער מחבר האָט זיך קונה־שם געווען מיט זיינע פריערדיקע צוויי ווערק — „פונקען און פלאַמען" און „אויפן צעשיידוועג" — אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט. פאָריקן יאָר איז אים צוגעטיילט געוואָרן אַ גרעסערע סטיפּענדיע פון אויסטראַלישן ליטעראַטור־פאָנד כדי י. קאַהאַן זאָל אָנשרייבן אַ גרעסערע אַרבעט וועגן דער אויסטראַלישער ליטעראַטור. אָט דאָס ווערק וועט דערשיינען הייאָר אונטער דעם נאָמען „שמועסן" מיט אויסטראַלישע שרייבער.

דער רעדאַקטאָר פון די אַמאָליקע „יידישע פּאָסט" אין מעלבורן, גדליה שאַיאַק, וועט אין 1976 אַרויסגעבן אַ היסטאָריש בוך, געשריבן אויף דער קאַנווע פון דער יידישער געשיכטע אין פוילן, דער עיקר פון דעם אויטאָרס געבוירן-שטאָט לאָוויטש.

י. אָ.

**א. ושעלעזניקאָוו**

# צי קענען מיר האָבן אַ יידישע קהילה אין מעלבורן?

דאָס יידישע קהילה־לעבן איז מער ווי צוויי טויזנט יאָר אַלט. יידישע זעלבסטפאַרוואַלטונג האָט אין פאַרשידענע צייטן און לענדער אָנגענומען ספּעציפישע פאָרמען, אַרויסגערופן דורך די באַזונדערע פּאָליטישע און קולטורעלע אומשטענדן פון לאַנד, אָבער אין דעם עיקר איז זי שטענדיק געבליבן דער פאַרוואַלטונגס־אָרגאַן, וואָס האָט געשטרעבט צו באַפרידיקן די פאַרשידנאַרטיקע נויטן און אינטערעסן פון יידישן לעבן.

דער פּראָטאָטיפּ פון יידישער קהילה-פאַרוואַלטונג איז אויפגעקומען אין דעם אַמאָליקן בבל. אַ קאָלעגיע פון זיבן פאָרשטייער, די אַזוי־גערופענע „פּרנסי הכנסת״, איז אויסגעקליבן געוואָרן פון אַלע קהילה־מיטגלידער וואָס האָבן געצאָלט זייער קהילה־שטייער. אין 10־טן יאָרהונדערט טוליעפּט מען איין דעם סיסטעם פון „זיבענער קאָליגיע״ אין דייטשלאַנד, שפּאַניע, פראַנקרייך און שפּעטער אין פּוילן.

אין מיטלעלטער, אין אייראָפּע, וואו די טענדענץ פון דער מלוכה־מאַכט און פון דער גאַנצער מיטלאַלטערלעכער געזעלשאַפט איז געווען צו צעשיידן די באַפעלקערונג לויט סאָציאַלע גרופּן, ווערט די יידישע קהילה אַ קאָרפּאָראַציע פאַר זיך, אַזוי ווי די אַנדערע קאָרפּאָראַציעס פון דער דעמאָלטיקער געזעלשאַפט; אויסערלעך כאַראַקטעריזירט דורך דעם וואָס זיי האָבן געלעבט אָפּגעשיידט אין אַ באַזונדערן קוואַרטאַל אין דער יידן־שטאָט, אָדער געטאָ, מיט איר אייגענעם פאַרוואַלטונגס-אַפּאַראַט; מיט פאַרצוויגטע פונקציעס ווי יעדע אַנדערע קאָרפּאָראַציע.

די אינטערעסן פון די קהילות האָבן גורם געווען, אַז די קהילות פון באַשטימטע פּראָווינצן זאָלן זיך פאַראייניקן אין די אַזוי גערופענע „ועדי המדינות״, וועלכע האָבן באַהאַנדלט שטייערן־ענינים, ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע פּראָבלעמען, וואָס דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן האָט אַרויסגערופן אויף דער יידישער גאַס. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג האָט דערפירט דערצו, אַז די פּראָווינץ־פאַרבאַנדן האָבן זיך פאַראייניקט אין אַ ועד פון גאַנצן לאַנד ווי דער „ועד אַרבע הארצות״ אין פּוילן און דער „ועד ליטאַ״ אין ליטע. זיי האָבן געשפּילט אַן אויסערגעוויינלעך וויכטיקע ראָל אין אַנטוויקלען דאָס יידישע לעבן אין מזרח־אייראָפּע.

די אָנפירונג פון יידישן קהילה־לעבן אין 18-טן און 19-טן יאָרהונדערט איז, אַזוי ווי אין אַלגעמיינעם לעבן, געלעגן אין די הענט פון איינצלנע גבירישע משפחות, וועלכע האָבן אונטערדריקט די ברייטע יידישע פאָלקסמאַסן. מיטן אויפקום פון דער השכלה און דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג הויבט זיך אָן אַ קאַמף פאַר רעפאָרמען פון יידישן קהילה־לעבן.

אין סוף 19־טן יאָרהונדערט פאַרלירן די יידישע קהילות זייער פּאָליטיש־אויטאָנאָמען כאַראַקטער און הערן אויף צו זיין אַן אָרגאַן וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די שטייערן פון די אָרטיקע יידן לגבי דער מלוכה. זיי ווערן פאַרוואַנדלט אין רעליגיעזע אָדער סינאַגאָגע געמיינדעס מיט מער אָדער ווייניקער ברייטע פּראָגראַמען פון קולטורעלע, פילאַנטראָפּישע און סאָציאַלע פונקציעס. אַזוי אַרום זענען אין איניקע לענדער די יידישע קהילות געוואָרן פאָלקס־געמיינדעס מיט שטאַרקע סאָציאַלע אימפּולסן און דעמאָקראַטישע טענדענצן. די אַנטוויקלונג איז נישט פאָרגעקומען איינהייטלעך. אין פאַרשידענע לענדער האָבן זיך אַויסגעפורעמט פאַרשידענע טיפּן געמיינדע-אָרגאַניזאַציעס, הגם איניקע האָבן דעם זעלבן כאַראַקטער.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע, וואו ס׳איז נישט פאַראַן קיין מלוכהשע רעגולירונגען פון דער רעכטלעכער לאַגע פון די יידישע קהילות, האָבן מיר נישט קיין איינהייטלעכן אָרגאַניזירטן יידישן קהילה־לעבן. עס זענען פאַראַן גרויסע יידישע אָרגאַניזאַציעס, רעליגיעזע קאָנגרעגיישנס, אָרגאַניזאַציעס אין שורץ פון פּאָליטישע

---

טער־קאָמיטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, פאָרגעקומען אין די טעג פון חודש אָקטאָבער 1975 מיט דער באַטייליקונג פון עטלעכע הונדערט דעלעגאַטן פון אַלע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע ריכטונגען.

די רעזאָלוציעס זענען פאָלגנדיקע:

1) דער ישראל־ישוב איז אַ וויכטיקער טייל פון יידישן וועלט־פאָלק. מדינת־ישראל דאַרף אָבער אָפּשאַצן די היסטאָרישע וויכטיקייט פון די יידישע ישובים אין אַלע טיילן פון דער גאָרער וועלט.

2) די פאַלשע באַציאונג צום אַזוי־גערופענעם „גלות״ דאַרף ווערן ליקווידירט: נישט די ליקווידאַציע פון די יידישע ישובים, נישט „קיבוץ גליות״, נאָר קאַמף און הילף פאַרן קיום פון יידישן לעבן אומעטום — דאָס איז דער געבאָט פון אונדזער קעגנוואַרט און צוקונפט.

3) דער ערשטער שריט מצד דער יידישער מדינה דאַרף זיין, צו אָנערקענען יידיש אַלס די צווייטע נאַציאָנאַלע שפּראַך אין מדינת־ישראל. אָפּשטעלן די נאָך אַלץ עקזיסטירנדיקע דיסקרימינאַציעס פון יידיש און ווי מעגלעך איינפירן די יידישע שפּראַך אַלס אַ לימוד אויף אַלע שטאַפּלען פון ישראלדיקן שול־וועזן.

י. אַרבאַך

# ירושלים וחכמיה

אין 1948, דריי יאָר נאָך דעם ווי דאָס פויליש־ליטווישע יידנטום צוזאַמען מיט דעם כמעט גאַנצן מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום זענען געלעגן אין חורבות, האָט דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות, אַלס פּליט אין רוים (איטאַליע) באַקומען אַ געפיל פון דערהויבנקייט צוליב צוויי וויכטיקע היסטאָרישע געשעענישן אין יידישן לעבן. די ערשטע געשעעניש — איך וועל איר אָנרופן די פיזישע עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק — איז געווען: ארץ ישראל איז געוואָרן מדינת־ישראל. די צווייטע געשעעניש — איך וועל איר אָנרופן די גייסטיקע עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק — איז געווען, אַז יידישע עסקנים פון אַלע ריכטונגען האָבן באַשלאָסן צו רופן אַן אַלוועלטלעכע יידישע קולטור־קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק.

איך האָב דעמאָלט, אונטערן איינדרוק פון די דאָזיקע צוויי גרויסע געשעענישן, אָנגעשריבן אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען: „יבנה וחכמיה". די הויפּט טעזע אין דעם דאָזיקן אַרטיקל, געשריבן מיט 28 יאָר צוריק איז געווען, אַז נאָר דורך קענען צונויפבינדן דעם נס פון אַנטשטיין פון אַ יידישער מדינה, צוזאַמען מיט דעם נס פון צוריק אויפלעבן און צוריק באַנייען דעם יידישן לעבנס־נוסח פון לשון הקדושים־יידיש, וועט אונדז, דעם לעבן־געבליבענעם צעבראָכענעם און צעקאַליעטשעטן דור, באַשערט זיין צו קענען ווייטער שפּינען דעם פאָדעם פון דער יידישער געשיכטע און מיר וועלן קענען איבערפלאַנצן פאַר אונדזערע ווייטערדיקע דורות די רייכע ירושה פון פאַרשניטענעם פויליש־ליטווישן יידנטום.

נאָך 28 יאָר עקזיסטענץ פון מדינת־ישראל מיט אַלע אירע עליות און ירידות — נאָך 28 יאָר עקזיסטענץ פון אַלע יידישע ישובים איבער דער גאָרער וועלט מיט אַלע זייערע ירידות און עליות, ווערט גערופן אין יאָר 1976 אַן אַלוועלטלעכע יידישע קולטור־קאָנפערענץ אין ירושלים. דער הויפּט־ציל — צו קענען געבן אַ פאַריונגערונג־איינשפּריצונג דעם לשון הקדושים־יידיש אין אַלע ניואַנסן און קאָלירן פון דער איצטיקער צייט, סיי אין מדינת־ישראל, און סיי אין די תפוצות.

וויל איך אין מיין היינטיקן אַרטיקל א"נ „ירושלים וחכמיה" עפּעס צוגעבן און עפּעס באַנייען צו דעם וואָס איך האָב געזאָגט מיט 28 יאָר צוריק אין מיין אַרטיקל א"נ „יבנה וחכמיה".

עס זענען פאָרגעקומען אין דער שטורמישער יידישער געשיכטע קאַטאַסטראָפעס פון פאַרשידענעם פאַרנעם: גרויסע און קלענערע, אָבער אַלע מאָל איז געקומען נאָך דער קאַטאַסטראָפע דער נס פון אַן איינשפּריצונג פון המשכדיקייט און דערהויבנקייט סיי אין גייסטיקן און סיי אין פיזישן זין. מיר זענען געבליבן אַ פאָלק, נישט קיין נאַציע, אַ פאָלק וואָס האָט איין רעליגיע, איין אָפּשטאַם און צוויי לשונות מיט פאַרשידענע וואַריאַנטן פון לשון־קודש און אַראַמעאיש אין אַזיע, לשון־קודש און יידיש אין אַלע איבעריקע וועלט־טיילן, קרוב 1000 יאָר לויט דער היינטיקער צייט־רעכענונג.

דער קורצער היסטאָרישער אָפּשניט פון 28 יאָר נאָך דעם חורבן פון „בית שלישי" און דער קורצער היסטאָרישער אָפּשניט 28 יאָר נאָכן אַנטשטיין פון דעם „בית רביעי" — מדינת־ישראל, האָט באַווירקט, אַז סיי פּאָלק און סיי מלוכהשאַפט האָבן זיך דערנענטערט און צונויפגעקניפּט, וואָס האָט ווידער געשאַפן דעם נס פון דערהויבנקייט און המשכדיקייט סיי אין פיזישן און סיי אין גייסטיקן לעבן ביי דעם גאַנצן יידישן פאָלק איבער דער גאָרער וועלט.

די דאָזיקע דערנענטערונג און צוזאַמענבונד פון מדינת־ישראל און כל־ישראל האָט טאַקע צונישט געמאַכט די „פילאָזאָפיע" — פון געוויסע פירער פון מדינת־ישראל און אויך געוויסע יידישע פירער פון די תפוצות — אַז דאָס אַנטשטיין פון מדינת־ישראל האָט געשאַפן אַ נייע יידישע נאַציע. פאַרקערט, דער דאָזיקער 28־יאָריקער אָפּשניט האָט באַוויזן באותות ומופתים, אַז מדינת־ישראל איז אַ טייל פון דער באַנייאונג — נאָך דעם גרויסן חורבן — פון דעם אַלטן יידישן פאָלק. און טאַקע דאָס אַלט־נייע יידיש פאָלק באַטייט נישט בלויז די צאָל יידן וואָס לעבן אין ישראל אָדער אין אַנדערע יידישע ישובים איבער דער וועלט — עס באַטייט: פאָלקישע און נאַציאָנאַלע צונויפגעבונדנקייט אויף אַלע געביטן — פיזיש און גייסטיק — און ספּעציעל די צונויפגעקניפּטקייט פון דער היינט־צייטיקער יידישער קולטור מיט דער גרויסער יידישער קולטור פון נעכטן, ווייל: קיין שום היינט און קיין שום מאָרגן איז נישטאָ אָן אַ נעכטן!

דער אויספיר: די וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידישע קולטור, וואָס דאַרף פאָרקומען אין יאָר 1976 אין מדינת־ישראל מיט דעם נאָמען „ירושלים וחכמיה" — דאַרף זיין מיט דער דערהויבנקייט און המשכדיקייט פון דער קאָנפערענץ אין יאָר 1948 מיט דעם נאָמען „יבנה וחכמיה". די קאָנפערענץ אין ירושלים דאַרף סומירן די געשעענישן; אין מדינת־ישראל און אין אַנדערע יידישע ישובים במשך די לעצטע 28 יאָר, נאָך דער ערשטער יידישער קולטור־קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק כדי דערגרייכן, כאָטשבי אין אַ מינימאַלער מאָס, אַז לשון־קודש און לשון־הקדושים־יידיש, זאָלן ווערן דער פאַרבינדונגס־כוח, און סיי מדינת־ישראל סיי די יידישע תפוצות זאָלן ווערן איין עם־ישראל, איין יידיש פאָלק!

אַלס אַ יידיש־וועלטלעכער קולטור־מענטש און אַלס אַ מיטגליד פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור־אָרגאַניזאַציע „קדימה" אין אויסטראַליע, שליס איך זיך אָן אין אַ טייל רעזאָלוציעס וועגן „די דרינגענדיקסטע נויטן פון יידישן לעבן איבער דער גאָרער וועלט" וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן אויף דעם צוזאַמענפאָר פון יידישן אַרבע־

דער רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג האָט געעפנט די אויגן יענע מלוכות, וועלכע האָבן געהאַלטן אַז געבן ישראל אַ פּאָר „שמיץ" וועט נישט שאַדן, און דערמיט וועלן זיך אַלע באַרואיקן. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז אויב מען קאָן פּאַטשן איינעם, קאָן מען אָנפּאַטשן אַנדערע אויך. מיט אַ מאָל האָבן זיי אַנטדעקט, אַז די נייע אַפריקאַנער רע־פּובליקן, וועלכע זענען נאָר וואָס אַרויס פון דער פּרימי־טיווער שטיין־עפּאָכע, זענען געוואָרן מבינים אויף ציוניזם און אויף ראַסיזם, און זיי האָבן געדאַרפט באַטראַכטן און דערקלערן וואָס עס איז באמת געשען.

פון דער אַנדערער זייט, זענען די לענדער וועלכע האָבן צום העכסטן געשריגן, אַליין שולדיק אין ראַסיזם. צום ביישפּיל: ווען איראַק איז געוואָרן זעלבסשטענדיק, האָט מען קודם אויסגעשאָכטן 10,000 אַסיריער און דער־נאָך זיך גענומען צו די קורדן, וועלכע ווערן נאָך פאַר־פאָלגט ביזן היינטיקן טאָג. אין סודאַן קומט פאַר אומגע־פער דאָס זעלבע: צפון־סודאַן, וואו עס וואוינען אַראַבער פון איסלאַמישן גלויבן, פירט אַ קאַמף קעגן דרום־סודאַן, וואו ס'וואוינען נעגערס, דאָס רוב פון קריסטלעכן גלויבן. זינט 1960 דערגרייכט די צאָל אויסגעהרגעטע קריסטן אין דרום אין די הונדערטער טויזנטער. אין ליביע, וואו עס הערשט גאַדאַפי, און ער האָט באַשלאָסן נאָכפאָלגן דעם קאָראַן אויף אַזאַ מין אופן, אַז ליביע איז געוואָרן די גרעסטע ראַסיסטישע מלוכה אין דער וועלט. צו דערגענצן די ליסטע מוז מען אונטערשטרייכן, אַז אין סאַודי־אַראַביע עקזיסטירט אָפיציעל שקלאַפן-האַנדל און די שקלאַפן וואָס ווערן פאַרקויפט אויף די מערק זענען אויס־שליסלעך נעגערס. אָבער די נעגער־רעפּובליקן פון אַפריקע פאַרשווייגן דעם דאָזיקן פאַקט.

מען מוז פאַרשטיין, אַז מיט דעם מאָמענט ווען דער קאַמף קעגן ציוניזם און יידן קומט אַרויף אויף דער אינ־טערנאַציאָנאַלער אַרענע — איז קלאָר, אַז דער חילוק צווישן ציוניסט און ייד וועט אין דער צוקונפט ווערן קלענער און קלענער, און ס'וועט זיך פאַרענדיקן מיט דער אַלטער געשיכטע פון אַנטיסעמיטיזם.

דער געדאַנק פון ציוניזם, צו ברענגען צוריק אַ פאָלק — נאָך דעם ווי עס איז געווען אַוועק פון לאַנד טויזנטער יאָרן; געקעמפט און געבויט און אויפגעבויט הערלעכע זאַכן אונטער ישראל־קאָנטראָל — דאָס אַלץ האָט נישט קיין שייכות צו דער וועלט, וועלכע בלייבט קאַלט און גלייכגילטיק, ווי דאָס וואָלט נישט געווען קיין מענטשלעכע דערגרייכונג.

עס איז דערפאַר אַ פליכט פון יידן און קריסטן צו קעמפן קעגן דעם, און צו ברענגען די פאַראייניקטע פעל־קער נענטער צו אַ צושטאַנד וואו מען זאָל קאָנען ערלעך באַהאַנדלען פּראָבלעמען, אָנשטאָט צו פאַרוואַנדלען זי אין אַן אַרענע וואו איין טייל פון דער וועלט קעמפט קעגן דער אַנדערער.

* * *

און דאָ, אומדערוואַרט — האָבן מיר באַקומען נייע „פריינד" — דאָס איז דער „בונד"; דער „בונד" — וועגן וועלכן מיר האָבן געמיינט אַז עס איז נישטאָ מער מיט וועמען צו קעמפן, אַז די אַלטע שנאה איז פאַרביי, און מען קען קוקן פאָראויס. עס הויבט זיך גאָרנישט אָן. די ערשטע געלעגנהייט, ווען עס איז געגעבן געוואָרן צו טאָן עפּעס — איז דורכן „בונד" אויסגענוצט געוואָרן דווקא איצט, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רעזאָלוציע פון דער יונ"אָ. מיט אַ מאָל האָט מען דערהערט, אַז אייניקע פּראָטעס־טירן קעגן דעם, אַז פעלקער זענען פּראָ-ציוניסטיש, וואָס דאָס איז אינגאַנצן נישט ריכטיק. אויב יידן — דער „בונד" קען זיין קעגן ציוניזם — פאַר וואָס קענען אַנדערע — נישט־יידן, נישט זיין קעגן ציוניזם? וואָס די בונדיסטן ווילן נישט פאַרשטיין איז — אַז נישט אַזוי וועט די וועלט אויפנעמען זייער רעזאָלוציע.

עס איז גאַנץ קלאָר, אַז ווען עס קומט צו יידן, מאַכן די אַנטיסעמיטן נישט קיין אונטערשייד צווישן ציוניסטן, בונדיסטן און אַנדערע יידן. און דאָך מיינען די חכמים פון „בונד", אַז זיי קאָנען זיך אָפּטיילן פון כלל ישראל מיט דעם, וואָס זיי וועלן זאָגן זיי זענען נישט קיין ציוניסטן, און דערמיט וועלן זיי פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פון כלל ישראל אויף אייביק און אייביק. עס מוז פאַרשטאַנען ווערן אַז ביים היינטיקן טאָג וועט די דעפיניציע נישט אָנגענו־מען ווערן; ביים היינטיקן טאָג זענען יידן, ציוניזם און די יידישע מלוכה איינער און דער זעלבער ענין. די פעלקער פון דער וועלט ווייסן דאָס. אויב דער „בונד" מיינט, אַז אויב עס וועט קומען צום ריכטיקן קאַמף, און די קעגנער פון ציוניזם וועלן זאָגן — אַז מיר זענען געווען קעגן מדינת-ישראל און אונדז לאָזט אַרויס דערפון, און עס וועט זיי נישט שאַדן — האָבן זיי אַ גרויסן טעות.

ווען עס זאָל קומען דערצו, אַז מען זאָל ציטירן די בונדישע רעזאָלוציע אין די פאַראייניקטע פעלקער, וועלן זיך געפינען אַזוינע חכמים, וואָס וועלן איבערלייענען די ערשטע העלפט פון דער רעזאָלוציע — וואו עס רעדט זיך אַז דער „בונד" איז קעגן ציוניזם. די צווייטע העלפט — וואו עס זאָגט זיך, אַז מען האָט נישט קיין רעכט צו פאַרגלייכן ציוניזם מיט ראַסיזם — וועט זייער לייכט פאַרגעסן ווערן. דאָס וועט זיין די גרויסע דערגרייכונג פון אונדזערע בונדישע „פריינד".

אין סך־הכל פון געשעענעם — איז קיין שום צווייפל נישט, אַז מען מוז ווידער און ווידער דערמאָנען די פעל־קער פון דער וועלט די ווערטער, וועלכער דער סאָוויעטי־שער קאָמיסאַר פאַר אויסערן־ענינים מאַקסים ליטווינאָוו, האָט אין יאָר 1938 געזאָגט אין דער פעלקער־ליגע:

„מען קאָן נישט מאַכן קיין אָפּמאַך מיט גזלנים. מען קאָן מאַכן אַן אָפּמאַך מיט ערלעכע מענטשן. וואָס שייך גזלנים קאָן מען שרייבן צוואַנציק קאָנטראַקטן, און אַז זיי וועלן פאַרניכטן איין טייל פון דער וועלט — וועלן זיי קומען צו אייך, צי איר האָט זיי איינגעלאַדן אָדער נישט".

## י. סאָלוויי

# ציוניזם און ראַסיזם

(וועגן דער רעזאָלוציע פון די פאַראייניקטע פעלקער)

די שענדלעכע רעזאָלוציע פון די פאַראייניקטע פעל־קער, וועלכע פאַרגלייכט ציוניזם מיט פאַשיזם, ראַסיזם און אַנדערע „גוטע זאַכן", איז נישט דער ערשטער סקאַנ־דאַל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. דהיינו: עס האָט שוין פריער אויך פּאַסירט. איך האָב דאָ אין זינען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע (1789), וועלכע איז געווען די ערשטע וואָס האָט אָנערקענט די רעכט פון די יידן צו זיין בירגער פון לאַנד. 1) דאָס איז געשען דעם 28־טן סעפּטעמבער 1791, ווען דער לעצטער קעניג פון פראַנק־רייך, לואי דער 16־טער, האָט אונטערגעשריבן דעם געזעץ.

אין מערץ 1808, האָט נאַפּאָלעאָן פאַרעפנטלעכט אַ דעקרעט, וואָס ווערט ביז היינטיקן טאָג אָנגערופן „דער שענדלעכער דעקרעט". לויט אים איז די עמאַנציפּאַציע פון יידן פאַרקלענערט געוואָרן און יידן זענען געוואָרן בירגער פון דער צווייטער קאַטעגאָריע. עס האָט געדויערט אַ היפּש ביסל צייט ביז וואַנען דער דאָזיקער דאָקומענט איז בטל געוואָרן, און די יידן זענען געוואָרן גלייכבארעכ־טיקטע בירגער פון פראַנקרייך.

מיר האָבן דאָס ענלעכע אין דעם, וואָס עס איז געשען נאָך דעם געזעץ, דהיינו: די פאַראייניקטע פעלקער האָבן אין 1947 באַשלאָסן צו גרינדן אַ יידישע מלוכה אין ארץ־ישראל (פּאַלעסטינע). אין 1947 האָבן די נויטיקע צוויי־דריטל מיטגלידער פון די פאַראייניקטע פעלקער אָנגענו־מען דעם דאָזיקן באַשלוס און אָפיציעל איז די יידישע מדינה אָנערקענט געוואָרן.

אין יאָר 1975 האָט די זעלבע אָרגאַניזאַציע אָנגענו־מען אַ רעזאָלוציע, וואָס דערקלערט דעם ציוניזם אַלס איינע פון די ערגסטע באַוועגונגען אין דער וועלט, צוגלייך מיט ראַסיזם.

ווען מיר גייען צו אַנאַליזירן די סיבות פון די גע־שעענישן, מוזן מיר ווידער געבן אַ בליק אויף דעם „שאַנד־דעקרעט" פון נאַפּאָלעאָנען. אונטערן דרוק פון פאַרשי־דענע פינאַנסיעלע און עקאָנאָמישע אינטערעסן, האָט נאַפּאָלעאָן באַשלאָסן צו פאַרקלענערן די רעכט פון יידן און באַגרענעצן זייער באַטייליקונג אין סאָציאַלן און עקאָ־נאָמישן לעבן פון פראַנקרייך.

מיר האָבן היינט אַן ענלעכע סיטואַציע. אין דעם פאַל אָבער ווערט דער דרוק אויסגעאיבט פון די אינטע־רעסן פון אַראַבישן אויל. מיט דעם האָבן מיר דערגרייכט דעם צווייטן פאַל פון אַזאַ מין געשעעניש. וואָס איז געווען די רעאַקציע פון דער וועלט צו אָט דעם שענדלעכן דאָקומענט?

די רעאַקציע איז געווען זייער אַ שוואַכע. אין דער 6־טאָגיקער מלחמה (1967) איז ישראל אַרויס אַ זיגער, נישט נאָר מיליטעריש, אויפן שלאַכט־פעלד, נאָר זי האָט אויך אָפּגעהאַלטן אַ מאָראַלישן נצחון. גרויסע און קליינע מלוכות האָבן דאָס אָנערקענט, און אַרויסגעוויזן סימפּאַטיע פאַר מדינת־ישראל. אָבער אַ פּאָר יאָר נאָך דעם האָט זיך די לאַגע געענדערט. ווי ס'האָט פאַראויסגעזאָגט אונדזער פּרעזידענט פון „באַרד אָף דעפּיוטיס" איזי לייבלער — איז די אַטמאָספער אין די פאַראייניקטע פעלקער געוואָרן פיינטלעך לגבי ישראל און דערפירט צו אָט דער רעזאָ־לוציע.

עס איז אינטערעסאַנט צו אַנאַליזירן, ווי אַזוי עס האָבן געשטימט פאַרשידענע פעלקער: 72 שטימען פאַר דער רעזאָלוציע; 35 — קעגן; 32 האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען. כמעט אַלע אייראָפּעיִשע לענדער און די מערהייט פון ענגליש־רעדנדיקע, האָבן געשטימט קעגן. כמעט אַלע דרום־אַמעריקאַנער לענדער האָבן זיך אָפּגע־האַלטן פון שטימען, און צוזאַמען מיט זיי — עטלעכע אַפריקאַנער לענדער.

1) באַמערקונג פון רעד.: דער ערשטער פּאָליטישער אַקט אין דער וועלט, וועלכער האָט גאַראַנטירט גלייכבאַ־רעכטיקונג פאַר יידן איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין דער „דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט" פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, אין יאָר 1776.

---

פאַרשטייער וועלכע רעפּרעזענטירן טייל לאַנד־פּאַרטייען זענען מיניסטאָרן (איצטיקע אָדער קומענדיקע) פאַרלאַ־מענטאַריער, מלוכה־פירער. אין זייער מערהייט קומען זיי פון לענדער וועלכע גרענעצן זיך דירעקט מיט סאָוויעט־רוסלאַנד, אָדער מיט אירע סאַטעליטן. כדי צו זיין אַ דערפאָלגרייכער פּאָליטיקער אין אייראָפּע מוז מען איינ־האַלטן גוטע באַציאונגען מיט דער סאָוויעטישער דיפּלאָ־מאַטיע. דעריבער שטעלן טאַקע דאָס רוב פּאָליטיקער די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פאַר די אינטערנאַציאָנאַלע פּרינציפּן. פון דעם ווערט קלאָר פאַר וואָס די פּראַגע פון די רוסישע יידן האָט אַ שוואַכן אָפּקלאַנג אויפן פאָרום פון אינטערנאַציאָנאַל.

עס איז דעריבער צייט, אַז יידישע סאָציאַליסטן זאָלן זיך אויך שטעלן מיטן פּנים צו די נאַציאָנאַלע אינטע־רעסן פון זייער פאָלק.

* * *

דער יידישער ישוב אין מעלבורן, אין וועלכן די „קדימה" פאַרנעמט אַ פירנדיקע ראָל, שליסט זיך אָן אין דער רעזאָלוציע פון דער בריסעלער קאָנפערענץ און זי וועט טאָן אַלץ צו העלפן אונדזערע ברידער — די רו־סישע יידן.

מ. א.

# מעלבורנער בלעטער

## ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

מערץ 1976 | נומער 1 (2) | מעלבורן, אויסטראַליע

# די וועלט-קאָנפערענץ פאַר די רוסישע יידן

געשיכטע ווי אַ כלל חזרט זיך נישט איבער, יידישע געשיכטע אָבער, ווי דאָס לעבן פון יידן בכלל, איז ווייזט אויס אַן אויסנאַם פון דעם כלל.

נאָכן בלוטיקן קישעניעווער פּאָגראָם אין יאָר 1903 (קישעניעוו איז דאַן געווען אַ טייל פון דער רוסישער מלוכה) זענען אַ האַלבער מיליאָן יידן אין ניו־יאָרק אַרויס אין אַ מעכטיקער פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע קעגן צאַרישן רעזשים, דעם פאַקטישן אָרגאַניזאַטאָר פון פּאָגראָם, און אויך כדי אויסצודריקן די ברידערלעכע סאָלידאַריטעט מיט די יידן פון רוסלאַנד.

און אָט: פון 16־טן ביזן 19־טן פעברואַר 1976 איז אין בריסעל (בעלגיע) פאָרגעקומען אַ ווירדיקע און איינדרוקספולע דעמאָנסטראַציע, אין דער פאָרם פון אַ וועלט-קאָנפערענץ, וואָס האָט נאָך אַלץ באַרירט דאָס זעלבע פּראָבלעם: דעם גורל פון אונדזערע ברידער אין רוסלאַנד.

איין פּאַראַגראַף פון דער רעזאָלוציע זאָגט עס קלאָר:

„די קאָנפערענץ פאַרלאַנגט פון די רוסישע מאַכטהאָבער זיי זאָלן אָפּשטעלן די אַנטיסעמיטישע קאַמפּאַניע קעגן יידן".

וויל מען זיין אָביעקטיוו, דאַרף מען זאָגן, אַז אַנטיסעמיטישע שטימונגען זענען פאַראַן אין די מערב־לענדער. אָבער מיט דער זעלבער אָביעקטיוויקייט דאַרף מען באַטאָנען: אין מערב פאַרנעמען זיך מיט אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע יחידים, גרופּן, אפילו פאַרטייען. אין רוסלאַנד אָבער — אין 1903 אַזוי אויך אין 1976 — איז אַנטיסעמיטיזם דער מאָנאָפּאָל פון דער רעגירונג. און נאָך עפּעס: דאָס איז נישט קיין צופעליקע דערשיינונג, באַווירקט פון דעם אָדער יענעם פּאָליטיקער, נאָר אַ פּערמאַנענטע פּראַגראַמאַטישע ליניע וועלכע יעדער נייער הערשער פאָלגט נאָך.

די וויכטיקסטע באַדייטונג פון דער קאָנפערענץ איז געווען — אויסצודריקן סאָלידאַריטעט מיט די סאָוויעטישע יידן און אויסאיבן אַ דרוק אויף דער סאָוויעטישער רעגירונג זי זאָל דערלויבן יידישע משפחות זיך צו פאַראייניקן אין מדינת־ישראל.

נאָך איין וויכטיקן אַספּעקט האָט אונטערגעשטראָכן די רעזאָלוציע:

„דער יידישער גורל וועלכער פאַראייניקט אונדז איז איינער — אַ נישט־צעטיילבאַרער".

די ערשטע קאָנפערענץ, מיט פינף יאָר צוריק, האָט באַווירקט (אויף אַ דירעקטן און אומדירעקטן אופן) אַז 115 טויזנט יידן זאָלן קאָנען פאַרלאָזן רוסלאַנד. געוויס זענען פאַראַן נאָך מער קאַנדידאַטן זיי נאָכצופאָלגן, אָבער די מורא פאַר שיקאַנעס, פאַרפאָלגונגען, דיסקרימינאַציעס האַלט זיי אָפּ פון בעטן דערלויבענישן אַרויסצופאָרן.

* * *

זינט יאָרן (נאָך פאַר די קאָנפערענצן) גייט אָן אין דער יידישער וועלט, איבערהויפּט אין אַמעריקע, אַ קאַמפּיין צו באַווירקן די סאָוויעטישע רעגירונג אַרויסצולאָזן יידן. אין דער דאָזיקער אַקציע פעלט די שטים פון סאָציאַליסטישן סעקטאָר, וועלכער איז אַליין אַרויסגעוואַקסן פון רוסישן יידנטום. ער וואָלט על־פּי־שכל געדאַרפט זיין פון די פאָרקעמפער פאַר די רעכט פון די רוסישע יידן צו עמיגרירן. פון ביטערער דערפאַרונג דאַרפן זיי וויסן, אַז קיין יידיש קולטור־לעבן איז אין די איצטיקע באַדינגונגען דאָרטן נישט מעגלעך; אַז אפילו די יידן וואָס ווילן זיך אַסימילירן מוזן אין זייערע דאָקומענטן אָנגעבן די נאַציאָנאַלע אָפּשטאַמונג, און כאָטש דאָס געזעץ איז חל פאַר אַלע בירגער, ווערט עס אָבער פאַר יידן אַ דיסקרימינירנדיקער פאַקטאָר.

מיר געדענקען, אַז די פראַגע פון די רוסישע יידן איז אַ מאָל געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדענונג פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, מיר האָבן נישט געהערט וועגן די שריט וועלכע דער אינטערנאַציאָנאַל זאָל האָבן אָנגענומען, און אויך נישט פון די רעזולטאַטן וועלכע די דאָזיקע שריט האָבן געבראַכט.

דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל שטעלט מיט זיך פאָר אַ זייער רעספּעקטפולע אָרגאַניזאַציע. די

*With the Compliments of*

# M. RECHT ACCESSORIES

TRIMMING FOR THE CLOTHING TRADE

**126-132 FLINDERS LANE, MELBOURNE, VIC., 3000**

**Telephones: 63-7457, 63-8583**

---

# LYGON SHOE STORE

**A. KRYWIATICKI**

FOR QUALITY AND STYLES LOCAL AND IMPORTED SHOES

**323 LYGON STREET, CARLTON, VIC.**

**Telephone: 347-6813**

---

# Harry's Shoe Store

**235 BARKLEY STREET, FOOTSCRAY**

**Also at**

**60 IRVING STREET**

---

*With the Compliments of . . .*

# TOPIAL TAILORING

**636 GLENHUNTLY ROAD,**
**CAULFIELD**

(Cr. Glenhuntly Road & Clarinda Street)

STAFFORD & ELLINSON

פאַרקויף פון מאָדערנע אַנצוגן און הויזן

עס ווערן אָנגענומען פריוואַטע באַשטעלונגען — צוגענגלעכע פרייזן

# מעלבורנער
# בלעטער

## ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

### אינהאַלט


מ. א. — די וועלט־קאָנפערענץ פאַר די רוסישע יידן . . . . 1

י. סאָלוויי — ציוניזם און ראַסיזם . . . . . . . . . . 2

י. אָרבאַך — ירושלים וחכמיה . . . . . . . . . . 4

א. זשעלעזניקאָוו — צי קענען מיר האָבן אַ יידישע קהילה אין מעלבורן? 5

י. מ. לעווין — דריי הויפּט־פּונקטן פון יציאת רוסלאַנד . . . . 7

סערגיי רובינשטיין — געדאַנקען פון אַ סאָוויעטישן עמיגראַנט . . . . 8

ש. ב. — עם לייענט יעקב ראַטבוים . . . . . . . . . 10

יצחק קאַהאַן — יידישער ווידערשטאַנד אין מזרח־אייראָפּע . . . . 11

איזי אוניקאָווסקי — מיניאַטורן . . . . . . . . . . . . . 13

סענדער בורשטין — די חבלי־לידה פון אַן עמיגראַנט . . . . . . . 14

מ. אייזענבוד — צופעליק... (דערציילונג) . . . . . . . . . . 18

א. זבאַר — יעקב וואַקס ע״ה (צום צוואַנציקסטן יאָרצייט) . . . . 21

קינדער אַרבעטן

לאה קאַמינסקי — „יידישקייט וויסן״ אין דער יידישער מלוכה . . . . 23

מאַרי באַרנס — צען יאָר אין דער יידישער שול . . . . . . . 24

ש. טאַפּיאַל — די פּאָפּולאַריטעט פון שאָך־שפּיל . . . . . . . 26

א. אייזערנער — אויפן שפּיץ פעדער . . . . . . . . . . 27



אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה״ אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן — נומער 1 (2) — מערץ 1976